The Hebrew Journal

דער אידישער

זשורנאל

The Hebrew Journal

THE ONLY
JEWISH DAILY
IN ONTARIO.

די איינציגע
אידישע צייטונג
אין אנטעריא.

VOL. | No 812 | Toronto, Friday, October 15th 1915 | ז חשון תרעו | פרייטאג דער 15־טער אקטאבער 1915 | PRICE: 1 CENT

A 8 Freidus
c/o The New York
Public Library
476 Fifth Ave
NEW YORK CITY

דייטשע אטאקירען פינלענדער בוכטע

ען צוריק געטריבען פון גאליציען

בערלין אקטאבער 14.

דער קריעגס אפיס האט היינט ארויסגעלאזען דעם פאלגענדען סטייטמענט וועגען דעם מזרח שלאכטפעלד.

די ארמיי אונטער דער קאמאנדע פון גענעראל פאן הינדענבורג, האט ארויסגעטריבען די רוסען פון די פאזיציעס דרום מערב פון אילוקסט, נעהמענדיג דערביי 650 געפאנגענע און דריי מאשין הארמאטען.

די רוסישע אטאקעס וואס זיינען געמאכט געווארען דרום מערב פון דווינסק זיינען פון אונזערע סאלדאטען צוריק געשטויסען געווארען.

וועגען די ארמיי גרופען אונטער דער קאמאנדע פון פרינץ לעאפאלד פון באוואריע און פון גענעראל פאן לינסינגען, איז גאר ניט דא וואס צו בעריכטען.

די סאלדאטען אונטער דער קאמאנדע פון גענעראל גראף פאן באטהמער האבען פערנומען העיווארענקא דרום מערב פון בורקאנאוו (אין מזרח גאליציען) און האבען אריבער געטריבען די רוסען צוריק איבער דער טייך סטריפא.

אונזערע סאלדאטען אויף'ן סערבישען פראנט האלטען אן זייער מארטש פארווערטס, אויף די פראנטען צפון מזרח און דרום מזרח פון פשערעוויק וועלכע זיינען פערטהיידיגונגס פארטען זיינען פון אונזערע סאלדאטען גענומען געווארען מיט שטורם.

ענגלענדער בענוצען זיך מיט גאז

בערלין אקטאבער 14.

דער היינטיגער אפיציעלער בעריכט וועגען דעם מערב שלאכט־פעלד לעזט זיך ווי פאלגט.

אין דער צייט ווען דעם שונא'ס געפאנצערטע שיפען האבען אטאקירט די ברעגען ארום וועסטענד (בעלגיען), און דעם שונא'ס ארטילעריע האט געשאסען אויף אונזערע פאזיציאנען אין איפער, פונדעסטוועגען האבען זיי ניט געהאט קיין ערפאלג.

די ענגלישע טרופען האבען אנגעפאנגען זייערע אטאקעס אונטער דער פראטעקציאן פון רויך און פערשיעדענע גאזען, אויף כמעט דעם גאנצען פראנט פון לום און איפער, אבער זייערע אלע אטאקעס האט זיך זיי ניט איינגעגעבען.

אין פיעלע פלעצער וואו דער ווינט איז געווען געגען זיי האט דער רויך און די גאזען זיי אליין געשאדט. בלויז אין איינינגע קליינע פלעצער דרום מזרח און מזרח פון ווערמעלע האט זיך די ענגלענדער איינגעגעבען צו דערגרייכען אונזערע ערשטע ליניע טרענטשעס, פון וואנען מיר האבען זיי שוין ביז יעצט ארויסגעטריבען דורך האנד צו האנד אטאקעס.

פינף אטאקעס זיינען געמאכט געווארען פון דעם שונא אהן גאזען נור מיט שטארקע אבטהיילונגען פון סאלדאטען. אלע דיזע אטאקעס זיינען צוריק געשטויסען געווארען מיט גרויסע פערלוסטען פאר'ן שונא.

דרום פון אנגר האבען מיר פערנומען צוויי מאשין הארמאטען אין א קאנטער אטאקע וואס מיר האבען געמאכט.

נאכדעם ווי די פראנצויזען האבען אבגעליידיגט די פאזיציאנען וועלכע זיינען בעוואוסט אלס די קלינען נעסטער פאזיציעס וועלכע די פראנצויזען האבען גענומען אויף די בערג פון שאסעי, זיינען 400 פראנצויזישע געפאנגענע אריינגעפאלען צו אונז אין די הענד.

אין שאמפיין זעצען פאר די פראנצויזען זייערע אטאקעס מיט דער גרעסטער ביטערקייט, פינף אטאקעס האבען דיא פראנצויזען געמאכט איינע נאך די אנדערע אבער זיי זיינען צוריק געשטויסען געווארען, מיט גרויסע פערלוסטען פאר'ן שונא.

די פראנצויזען האבען אויך געמאכט א נאכט אטאקע אבער זי איז צוריקגעשטויסען געווארען פון אונזער ארטילעריע.

אויף די קאמברע בערג איז דעם שונא'ס א טרענטש פון 120 מעטער לאנג אויפגעריסען געווארען פון א מינע.

לופט אטאקע אויף לאנדאן

לאנדאן אקטאבער 14

פינף און פופציג פערזאן זיינען געטויטעט געווארען און 114 זיינען פערוואונדעט געווארען אין דער לעצטער זעפעלין איבערפאל וואס די דייטשען האבען געמאכט אויף לאנדאן לעצטע נאכט.

די ענגלישע אדמיראליטעט האט אנאנסירט דורך דער אפיציעלער רעגירונגס ביורא פאלגענדעס :

איין און פערציג פערזאן זיינען געטויטעט געווארען און 101 זיינען פערוואונדעט געווארען אינ'ם מיטוואך'דיגען איבערפאל וואס די דייטשע זעפעלינס האבען געמאכט איבער לאנדאן.

32 זיינען געטויטעט געווארען און 95 זיינען פערוואונדעט געווארען אין שטאדט, פערצעהן פון די פינף און פופציג וועלכע זיינען געטויטעט געווארען און 14 פון די פערוואונדעטע זיינען געוועזען סאלדאטען.

די פרעס ביורא האט אויך אנאנסירט, דאס פינף ענגלישע לופט־שיפען זיינען ארויפגעפלויגען אין דער לופטען וועלענדיג פערטרייבען די זעפעלינען, אבער צוליעב דעם טומאן וואס איז געווען פערשפרייט אין דער לופטען האבען זיי פיעל ניט געקענט אויפטהאן. איין זעפעלין האבען זיי אבער אזוי צושעדיגט אז ער האט זיך גלייך געמוזט צוריקציהען, איין ענגלישער עראפליין איז אויף פערלוירען געגאנגען אין דער "פאגע,".

פיעלע הייזער זיינען בעשעדיגט געווארען פון די באמבעס, אבער די פייערען זיינען געווען אזעלכע אז די פייער לייטע האבען עם גלייך־איינגעלאשען.

דער בערלינער בעריכט וועגען דעם איבערפאל אויף לאנדאן לעזט זיך ווי פאלגט.

בערלין אקט. 14 (דורך'ן דראטלאזען טעלעגראף).

דייטשע לופט שיפען האבען בעזוכט לאנדאן אין דער נאכט פון דעם 13־טען אויף דעם 14־טען אקטאבער.

די זעפעלינס האבען אטאקירט וויכטיגע מיליטערישע פאזיציעס און באטאריעס.

די הויפט באמבארדירונג איז געווען געריכטעט געגען לאנדאן, די דאקס און די וואסער לייטונגען זיינען באמבארדירט געווארען. עס איז אויך באמבארדירט געווארען אן ארסענאל.

ביים איבערפאל זיינען בענוצט געווארען עקספלאדירענדע באמבעס.

אלע זעפעלינען האבען זיך צוריק אומגעקעהרט אין גוטען אורדנונג.

פאר דער צייט וואס די מלחמה ווערט אנגעפיהרט צווישען דייטשלאנד און ענגלאנד זיינען אין ענגלאנד אומגעקומען 513 פערזאנען פון דייטשע לופט אטאקעס. 119 פערזאנען זיינען געטויטעט געווארען און 394 זיינען פערוואונדעט געווארען.

רוסלאנד באקומט א חלק אין דער אמעריקאנער הלואה ?

פעטראגראד (דורך לאנדאן) אקט. 14.

דער רוסישער פינאנץ מיניסטער האט היינט ארויסגעלאזען די פאלגענדע ערקלעהרונג צו דער פערשטענדניס וואס איז געקומען צווישען דעם רוסישען פינאנץ מיניסטער און די פערבינדעטע, דאס הייסט ענגלאנד און פראנקרייך האט נאך אמאל בעשטעטיגט דעם פאקט אז די עליים וועלען צוזאמען טהאן אלעס מעגליכעס צו ברענגען די יעצטיגע מלחמה צו א גלאררייכע ענדע.

מען האט פערזיכערט רוסלאנד אז די נויטיגע קרעדיטען צו ליקווידירען די ארדערס וואס זיינען ארויסגעגעבען פון רוסלאנד פאר נאציאנאלער פערטהיידיגונג, אזוי גוט ווי דיפראצענט צאהלונגען אויף אויסלענדישע הלואות, וועלכע זיינען גאראנטירט געווארען פון דער רוסישער רעגירונג און די הינדערונגען וואס די עליים האבען געהאט צו בעצאהלען פאר די ארדערס וואס זיינען געמאכט געווארען אין אמעריקא זיינען שוין פיליכט געדעקט געווארען פון דעם האלבען ביליאן דאלאר וואס פראנקרייך און ענגלאנד האבען געליהען אין אמעריקא.

עס איז אויך געקומען צו אן אבמאך מיט די מיניסטעריומס פון ענגלאנד און פראנקרייך, און אן אבמאך צווישען דער "בענק אף ענגלאנד" און דעם רוסישען פינאנץ מיניסטער, אז דירוסישע באנק הייזער זאלען האבען א דראפט קרעדיט אין די ענגלישע פינאנץ הייזער.

דער הויפט ציעל פון דעם איז צו העלפען די רוסישע באנק הייזער בעקומען זייערע אויסלענדישע סעקיוריטיס.

איטאליען אין די באלקאנען

בערלין אקט. 14 (דורך'ן דראטלאזען טעלעגראף).

די דייטשע צייטונג "דאס טאגעבלאט" דרוקט א בעריכט, אז די איטאליענער האבען פערנומען צוועלף אינזלען אויף דער מזרח זייט פון די באלקאנען.

דאס האט איטאליען געטהאן נאכדעם ווי בולגאריע האט אפיציעל ערקלעהרט קריעג צו סערביע.

דער רעפארט צו דער דייטשער טאגעבלאט קומט פון בודאפעסט אונגארן, און דער רעפארט גיט צו אז די גריכישע רעגירונג האט פראטעסטירט געגען דער האנדלונג פון די איטאליענער.

נאך א הלואה פאר די עליים

די ענגליש פראנצויזישע פינאנץ קאמיטע וועלכע געפינט זיך דא, אונטערהאנדעלט וועגען א נייער הלואה אויף דער סומע פון 150,000,000 דאלאר, חוץ די פינף הונדערט מיליאן וועגען וועלכע אלעס איז שוין אראנזשירט געווארען, און די ענגלישע רעגירונג האט שוין זאגאר צוגעשטימט.

דער קאנטראקט וועגען דעם האלבען ביליאן דאלאר, וועט נאך פיליכט היינט אונטערגעשריבען ווערען פון דער ענגלישער און פראנצויזישער פינאנץ קאמיטע.

נאכדעם ווי די קאמיטע וועט דערמיט פערטיג ווערען וועט זי גלייך אבפאהרען אהער אין קענעדע.

דייטשע דיפלאמאטיע אין רומעניע

בערלין אקטאבער 14.

די איבער זעע נייעס אגענטור מעלדעט דאס אלע אנשטרענגונגען זיינען געמאכט געווארען פון דייטשע דיפלאמאטען צו בעקומען רומעניען אויף דער זייט פון דייטשלאנד און עסטרייך, און די אונטער האנדלונגען מיט רומעניען געהען נאך אן.

אוי ווי עס ווערט געמעלדעט וועט אין קיין פאל ווי די דיפלאמאטישע ארבייט זאל זיך ניט ענדיגען, וועט דאך רומעניען קיינמאהל ניט צושטעהן צו די עליים.

א בולגארעשער דיפלאמאט האט כאראקטערעזירט דעם ענגלישען ארויסטריט צו די דארדאנעלען אלס דעם ערשטען פעהלער וואס ענגלאנד האט געמאכט אויף א צווייטען פעהלער וואס ענגלאנד האט געמאכט זאגט דער דיפלאמאט איז דאס וואס ענגלאנד האט געשיקט אן ארמיי אין סאלאניקי.

פון קאנסטאנטינאפעל ווערט בעריכטעט אז דארטען האבען זיך אנגעפאנגען די בעוואוסטע אטאמאנישע שטורמס, און דיעזען מאהל זיינען זיי זעהר שטארק. אויב דיעזע שטורעמס וועלען לאנג אנהאלטען, ווערט ווייטער בעריכטעט, וועט פאר די עליים זיין אונמעגליך צו לאנדען סאלדאטען אין גאליפאלי.

קייזער בעקלאגט פראנקרייך

בודאפעסט, אקט. 13.

א דעפעשע צו דער לאנדאנער מארנינג פאסט דערצעהלט פאלגענדעס :

די היגע צייטונגען דערצעהלען א געשיכטע וועגען קייזער ווילהעלם, וועלכע, ווי זיי ערקלעהרען, קומט פון א סאציאליסט וועלכער איז א מיטגליעד אין רייכסטאג און וועלכער האט געהאט א לאנגען געשפרעך מיט דעם קייזער.

ווי דיעזער גיט איבער האט דער קייזער מיט טרעהרען אין די אויגען געזאגט אז פראנקרייך איז זיין גרעסטע לעבענס ענטוישונג און דאס עס טהוט איהם ווירקליך לייד פאר דעם לאנד, וועלכעס איז, לויט זיין מיינונג, פערמשפט רואינירט צו ווערען.

דער קייזער זאל האבען געזאגט פאלגענדעס :

די פראנצויזישע מעטהאדע פון פיהרען קריעג איז פון א שוידערליכען כאראקטער ברוטאל און אונמענשליך, די פרטים וועלען ערשט בעקאנט ווערען נאך דער מלחמה."

דער רעפארטאט דערצעהלט דאס דער קייזער האט ווירקליך געוויינט ווען ער האט זיך אויסגעדריקט אז פראנקרייך איז פעראורטהיילט צום טויט.

דער ציעל פון דיעזער מלחמה, האט דער קייזער ווייטער געזאגט, איז דאס דייטשלאנד אין איהר גרויסער איינינקייט זאל ווערען דאס הארץ פון אייראפא, און זאל געהן פאראויס און פיהרען די ארבייט פון ציוויליזאציאן און מענשליכקייט."

די אונגארישע צייטונגען מאכען פון דיעזען אינטערוויו א גאנצען צימעס.

די שוחטים אין פאלים קאורט

אכטצעהן שוחטים, וועלכע האבען ניט אויסגעפאלגט די ארדערס פון דעם שטאדטישען העלטה דעפארטמענט, וועלכער האט פעראָרדענט אז קיינע טשיקענס זאלען ניט געקוילעט ווערען אין קיין פריוואטע הייזער, און זיי האבען ניט געפאלגט און האבען עס יא געטהאן, זיינען נעכטען נאכמיטאג פארגעבראכט געווארען אין פאלים קאורט בעפאר מעדזשיסטרייט קינגספארד אויף דער קלאגע פון ניט פאלגען די אינסטרוקציאנען פון דעם העלטה דעפארטמענט.

די פאלגענדע שוחטים זיינען פארגעבראכט געווארען.

מר. ראסקין, גארפינקעל, חאסין, זעלדין סאסינסקי, שעקער, ספעקטאר מארגאליס, עהרי, לעווין, פעלבערט ראזענבערג, האלפערן, דוטשמאן אלעגאנסקי און בראון.

אויסהערענדיג די קלאגע, האט דער מעדזשיסטרייט געבעטען דזשאדזש קאהען ער זאל ערקלעהרען די שוחטים, אז עס מאהל לאזט ער זיי פריי אונטער א סוספענדירטען אורטהייל, אבער אויב זיי וועלען נאכאמאהל פארגעבראכט ווערען פאר'ן זעלבען פערברעכען וועט ער זיי בעשטראפען מיט 10 דאלאר יעדען.

פון וואסער און פון דער לופטען

סאטקהאלם (דורך לאנדאן) אקט. 15.

א פינלענדישער קארעספאנדענט טעלעגראפירט דאס א גרויסע ים שלאכט איז פארגעקומען אין דער פינלענדישער בוכע צווישען רוסישע און דייטשע קרייצערס ארום פארקאלא.

דערביי איז איין קרייצער געזונקען געווארען און אן אנדערער איז שטארק בעשעדיגט געווארען.

דער זעלבער קארעספאנדענט בעריכטעט אויך דאס א דייטשער זעפעלין האט בעזוכט די פינלענדישע ברעגעס און האט אין פיעלע פלעצער ארונטערגעווארפען באמבעס וועלכע האבען פערורזאכט גרויסע פייערען.

ברינגט אריין די געלדער

די הערערען לעווינסקי און נ. סמיטה בעטען אונז צו אנאנסירען דאס די געלדער וואס זיינען מנדר געווארען פאר די מלחמה ליידענדע אין די פיער שוהלען, מעקאל, יוניווערסיטי, טעראלי און רומענישע שוהל און זיינען נאך ניט אריין געקומען צו זיי וועלען פון זיי מעהר ניט געהענדעלט ווערען.

און אלע געלדער וואס זיינען ביז איצט ניט אריין געקומען דאס הייסט ביז דעם 14־טען אקטאבער, זאלען אריין געבראכט ווערען צום טרעזשורער מר. ה. וויינבערג אין אפיס פון "אידישען זשורנאל".

געלד געשיקט

מר. ה. וויינבערג, שיקט געלד קיין רוסלאנד לויט טאגעס קורס.

דער פרייז פון היינטיגען
— טאגעס קורס —

35

סענט (פארזורבעל)

מר. ה. וויינבערג, דער ארויסגעבער פון „זשורנאל" מיינט בלויז די טובה פון די וואס שיקען, אז זייער געלד זאל אנקומען שנעל, ריכטיג און פאר דעם ביליגסטען פרייז.

ניט שטענדיג קען מען בלאפען

ווי אזוי דער „קענעדער אדלער" שרייבט בעריכטע.

פאר דער צייט, וואס צווישען די קענעדער אידען קומט פאר די פראגע וועגען די צוויי קאנווענשאנס, וועלכע ווערען גערופען פון דעם קענעדער פערבאנד און פון דער ציוניסטישער פעדעראציע, האט דער "קענעדער אדלער", "די גרעסטע און בעסטע אידישע צייטונג פון קענעדע". ארויסגעצייגט, אז אין הלכות שרייבען נייעס איז זי א מארים, צו שרייבען תמיד, וואס עס איז ווייט פונ'ם אמת.

מיר האבען די גאנצע צייט געשוויגען, רעכענענדיג, אז אפילו "די גרעסטע צייטונג" וועט זיך אויך דערמאהנען, אז בלאפס מוזען האבען א שיעור.

איינמאהל פאר אלע מאהל מוז אבער, פאר דער עפענטליכער מיינונג אויפגעדעקט ווערען ווי אזוי דע סאלאם ארגאן שרייבט נייעס.

די וואך האט וואלאפסקים צייטונג געשריבען, אז 60 ארגאניזאציעס האבען זיך שבת אבענד אין טאראנטא אנגעשלאסען אינ'ם ציוניסטישען קאנפערענץ, 6 האבען געשטימט דאגעגען, און 12 האבען זיך צוריקגעהאלטען.

מיר וואלטען וועלען פרעגען ביי יענעם צייטונגס־ארויסגעבער צוזאמען מיט זיין רעדאקטאר, ווי אזוי איז עס מעגליך, אז אויף'ן קאנפערענץ זיינען בלויז געווען פערטרעטען ארום דרייסיג ארגאניזאציעס.

דער ארגאן פון דער "דריי איינינקייט" האט אויך געשריבען, אז איינשטימיג איז אין מיקאל שוהל אויף'ן ציוניסטישען מיטינג אנגענומען געווארען א רעזאלוציע, צו דער צייט ווען קיינער פון די אנוועזענדע האט אפילו ניט געהערט פארלעזען קיין רעזאלוציע.

דאס זיינען אבער ניט די איינציגע ליגענס וועלכע דער "אדלער" אהן פלינקלען פערגינט זיך צו שרייבען.

מיט א צייט צוריק, האט דיזע בלאט־צייטונג געשריבען, אז גאנץ האמילטאן איז פאר דער פעדערייש אן.

סך הכל זיינען אין האמילטאן דא 13 אידישע ארגאניזאציעס.

פון זיי זיינען פאלגענדע אנגעשלאסען אינ'ם פערבאנד : נאציאנאלער ארבייטער פערבאנד, פועלי ציון, ארבייטער רינג, יאנג סאשעליסט קלוב, האנטער סטריט שוהל, ספרדישע שוהל, העס סטריט שוהל, מזרחי פעראיין, תלמוד תורה פעראיין, איזראעליט בענעוואלענט סאסייטי און גרענד ארדער אף איזראעל.

בלויז די איבעריגע 2, אגודת ציון און די אנשי שלום שוהל האבען ערקלעהרט, אז זיינען פאר דער פעדעראציע.

ווי אזוי עס ערקלעהרט זיך, אז האמילטאן איז פאר דער פעדערייש אן, ווייסט איין גאט אין הימעל. די "אדלער" חברה קענען מיר דערצעהלען נאך א סוד.

דעם 4־טען אקטאבער האבען די ציוניסטען דארטען אראנזשירט א פערזאמלונג פאר דער קאנווענשאן פון דער פעדערייש אן, מיט גאלדמאן פון מאנטרעאל אלס הויפט רעדנער, און צו דיעזער היסטארישער פערזאמלונג זיינען בלויז געקומען א צוויי מנינים אידען, פון וועלכע א גוטע העלפט זיינען געוועזען פערבאנד מיטגליעדער.

אבער דער אדלער פליהט אזוי ווייט ווי ביז וויניפעג, און אויך פון דארטען מעלדעט מען מיט גרויסען סייס, אז גאנץ וויניפעג איז פאר דער פעדעראציע.

מיר האבען אבערדי אדלער חברה ניט געוואלט טרויען אויף'ן ווארט, און אנגעפרעגט אין וויניפעג זעלבסט, און אט איז דער ענטפער :

וויניפעג אקט. 11.

א. ריינוווין

אידישער זשורנאל

איך האב ניט געזעהען דעם נומער קענעדער אדלער, וועלכען איהר דערמאהנט, די מעשה אבער וועגען וויניפעג איז ווייך גערעדט, ניט קיין אמת'ע.

ביז איצט האט זיך וויניפעג ניט אנגעשלאסען גיט אן דעם פערבאנד, און ניט אן דער פעדעראציע. די היגע "קאנגרעס קאמיטע" האט געשריבען בריעף צו ביידען וועגען אינפארמאציע, האט זיך די פעדעראציע צוגעאיילט מיט אן ענטפער, און אויך מיט אן איינלאדונג, דערביי ניט אבהאלטענדיג זיך פון "קאמפלימענטען", בנוגע דעם פערבאנד, און דאס האט טאקי קאליע געמאכט דער פעדעראציע.

נעכטען איז פארגעקומען א קאנפערענץ פון אלע ארגאניזאציעס, וועגען דער פראגע, און עס איז בעשלאסען געווארען צו ווארטען צוויי וואכען, און דאן וועט די פראגע בעשלאסען ווערען. די סימפאטיע פון דעם ברייטען עולם, חוץ געצעהלטע "פני" איז אויף דער זייט פון פערבאנד, און עס איז מעהר ווי זיכער, אז וויניפעג וועט זיך בעטהייליגען אין קאנפערענץ פון דעם פערבאנד.

י. העסטרין

רעדאקטאר פון דאס "אידישע ווארט".

וויניפעג האט דערוויל נאך ניט בעשלאסען צו וועמען זי געהט, אבער די אדלער לייטע כאפען שוין די פיש פאר דער נעץ, און דיענען טריי דער פעדעראציע מיט געבלאפטע ידיעות.

זאלען זיי אבער וויסען, אז עס האבען זיך שוין געענדיגט די צייטען, ווען מען קען נעהמען דעם עולם אויף זיכער מיט בלאפס.

דער אידישער פאטאגראפער
מ. שליאכטער
פון 16 קעמערא סטריט
האט נעמופט אין 280 קווין סטריט וועסט

בילדער ווערען גענומען אויך ביי נאכט ביי עלעקטריק לייט אזוי גוט ווי ביי טאג.

גרויסע צופריעדענהייט גאראנטירט.

לכבוד דער עפענונג האב איך רעדוצירט די פרייזען כדי צו אדווערטייזען מיין פלאץ:

פאסט קארדס 60 סענט א דאזען
קעבינעט א דאזען $1.00
ספעציעלע פרייזען פאר גרופען.
איך פארגרעסער אייער בילד מיט א פריים פאר $1.75
בלויז פאר צוויי וואכען צייט!
נוצט אויס די געלעגענהייט.
א פאטאגראפער מופט וועלטען!

חתן כלה
זאלען דאס נעהמען אין אכט!

מערידזש לייסענס
קאן מען קריגען אין אפיס פון
„אידישען זשורנאל“

נאטיס!

דיא יעניגע וואס וועלען דא נעהמען זייערע מערידזש לייסענס וועלען קריגען געדרוקט א שעהנעם בעריכט פון זייער התונה. פריי

בענוצט זיך מי[illegible] געלעגענהייט!

אדרעס פון דעם זשורנאל
67 עליזאבעטה סטריט 67

הענרי פארד פערענטפערט זיך פאר קענעדע

דעטראיט אקט. 13. הענרי פארד, דער בעריהמטער פאבריקאנט פון אויטאמאבילס, דיסקוטירענדיג זיין קאמפף פאר שלום האט געזאגט:

„אין אמת'ען האבע איך נאך ניט אנגעהויבען מיין קאמפף פאר שלום. די יעניגע וואס קריטיקירען מיך אמעהרסטען ווייסען אמווענינסטען וועגען וואס דא האנדעלט זיך.

וואס איז נוגע דעם באיקאט אויף מיינע אויטאמאבילען אין קענעדע איז דאס די ארבייט פון פאליטישענס בלויז. אלע באיקאטען פון די קענעדער פאליטישענס וועלען קיין ווירקונג ניט האבען אויף דעם פובליקום'ס נאכפראגען אויף מיין סחורה. עס איז געווען א צופאל דאס די מלחמה הלואה וועגען וועלכער איך האב זיך אויסגעדריקט אז זי איז ניט גערעכטפערטיגט איז נאהדע נעזוכט געווען פון די עליים, האט מר. פארד פארטגעזעצט. איך בין, אמת, געווען נעגען דער הלואה דאס איז אבער ניט געווען דערפאר ווייל די עליים האבען זי נעזוכט, נאר דערפאר ווייל איך האב גערעכענט דאס דיזע הלואה וועט בעדייטענד שטערען דאס קומען פון שלום.

עס טהוט מיר לייד וואס מען האט געמאכט אן איינדרוק אויף דעם קענעדער פובליקום אז איך בין זייערער א געגנער. מיר שיינט אז איך האב גאנץ קלאהר געמאכט פיעל מאהל אז איך בין ניט פאר די דייטשען און ניט פאר די עליים און אויך ניט געגען וועמען עס איז פון זיי. איך בין בלויז פאר פריעדען, א פריהען פריעדען, א פאלשטענדיגען פריעדען, א פאלשטענדיגען פריעדען, וועלכער ווערט אוועק געשטופט מיט דער הלואה פון די עליים.“

די רעזיגנאציע פון דזשיימס קוזענס, אלס וויס פרעזידענט און אלס הויפט מענעדזשער פון דער פארד מאטאר קאמפאניע איז פארמאל אנגענומען געווארען אויף א מיטינג היינט פון די דירעקטארען פון דער קאמפאניע. פראנק ל. קלינגענסמיטה איז ערוועהלט געווארען אלס נאכפאלגער פון מר. קוזענס, פאר הויפט מענעדזשער און פארדס א זוהן, עדסעל ב. פארד, איז בעשטימט געווארען אלס סעקרעטער אויף'ן ארט פון קלינגענסמיטה.

א פינאנציעלער בעריכט וועלכער איז אנגענומען געווארען היינט פון די דירעקטארען, ווייזט דאס פאר די לעצטע צוועלף מאנאט האבען זיך די עסעטס פערגרעסערט מיט מעהר ווי 16 מיליאן דאלאר דאס מזומן און אין קאסע געפינט זיך אונגעפעהר 44 מיליאן דאלאר.

„פעג א' מיי הארט“

ווערט ווידער נעפיהרט אין דיזער ריכטונג. עס וועט געשפיעלט ווערען אין דע ראיאל אלעקסאנדריא, אנהויבענדיג מאנטאג, אקטאבער 18. ווי עס זעהט אויס איז דא בלויז איין „פעג א' מיי הארט“. דיזע פיעסע איז אויף א האר ניט נעפאלען זייט זי איז פארגעשטעלט געווארען מיט איינינע יאהר צוריק. זייט מען האט זי דאס ערשטע מאל פארגעשטעלט אין קאורט טהעאטער אין ניו יארק זייענען אויסגעוואקסען פיעלע פיעסען ליט'ן מארעל פון פעג א' מיי הארט. קיינע פון זיי האט אבער אין ציעל ניט געטראפען קיין „כמו“ איז ניטא. עוניצט דיזע פיעסע דאס וואס אפעלירט פאר „פעג א מיי הארט“, ווי עס שיינט צו מענשליכען הארץ, און איינגנשאפט וואס געפינט זיך זעלטען אין די מאדערנע פיעסען. ווי געוועהנליך איז דאס אליווער מאראסקא וועלכער שטעלט עס פאר.

דעם כאראקטער פון פעג וועט געשפיעלט ווערען פון מיסס פלארענס מארטון, וועלכע שפיעלט די דאזיגע ראלע שוין דריי סעזאנען. זי האט אנגעהויבען אין א רייזע איבער'ן לאנד שפיעלענדיג דיזע ראלע, וועהרענד די לארעט טיילאר קאמפאניע איז פארגעשטעלט געווארען אין ניו יארק, און זי האט געשפיעלט די ראליע אונגעפעהר דעם גאנצען סעזאן אין באסטאן.

עס וועלען מיט איהר מיטשפיעלען ליליען קעמבעל קופער, ליל לעי, ווארא שאור, הערבערט ראנסאן, פראנק בורבעק, ביירען ראסעל, דזשעזעף אלענטאן און נע־ארג קלעיר.

פארם צו בילינע פרייזען ביי ב. גאדמאן 382 פארלאמענט סטריט. פאקס, מינק סעטס און אז ווייטער. טעלעפאן מיין 6092

Real Estate
ריעל עסטייט

צו פערענטען א סטאר מיט 6 רומס אלע קאנוויניענס 171 סענט פעטריק נעגענאיבער קענזינגטאן עווענו. נאכפרעגען 6 דעניסאן סקוועהר.
3907—18—10

פערלאנגט צו קויפען א סטאר אין קווין סטריט. ביטווין יארק און באטער סט. סאוט סייד, גוט פראנטעדזש און אין גוטע איינצאהלונג. פרעגען גאלדבערג 195 אגוסטא עוועניו.
3901—15—10

צו פערענטען 25 און 27 דזשעראלד וועסט, אלע קאנוויניענס, נייע פלומבינג, ניי דעקארייטעט $17 7 רומס. נאכפרעגען 29 דזשעראלד וועסט.
3885—17—10

א פלעט צו פערענטען אין 399 עדלייד וועסט, אלע קאנוויניענס.
3896—10—18

א הויז צו פערענטען 295 סימקא סט. פרעגען דר. פיוניק. טעלעפאן קאלעדזש 4076.
3932—10—17

א גרויסער בארגיין צו פערענטען א 7 רום הויז מיט א סטעביל פאר 11 דאלאר א מאנאט. נאכפרעגען 9 קעזשמער סטריט אויף סט. פעטריק פאר באטהורסט.
3865—18—10

צו פערענטען א דאבעל פארלאר ביליג רענט אלע קאנוועניענס, 78 סט פעטריק סטריט.
3891—10—22

צו פערענטען א שעהנע 8 רומיגע הויז מיט אלע קאנוויניענס, ניי דעקארירט אין אקספארד סטריט. פרעגען דייווידסמאן 69 עלם סטריט. ביליג רענט.
6898 10 17

צו פערענטען א רום פאר אן אנשטענדיגען יונגען מאן אדער מיידעל. פרעגען מרס. סארין 207 קווין סט. וועסט.
3949—10—17

א פארם צו פערקויפען אדער צו עקסטשענדזשען
א 50 מייל פון טאראנטא, 300 אקער ארבייט לאנד מיט גוטע בילדינגס, אויך מאשינערי, פערד בהומות אלעס וואס א פארעם דארף האבען פרייז $5.800.
דער מאן וואס ער וויל קויפען אדער עקסטשענדזשען מוז האבען $600 קעש.
40 אקער לאנד פערזייטע פאר דעם ספרינג.
פרעגען מר. גראנער 32 בעלוויו עוועניו אדער 113 קווין סטריט וועסט.
טעלעפאן אדעלייד 260 אדער קאלעדזש 6463.
3953—10—18

12 דאלאר א קאטעדזש פאלמערסטאן עוועניו, 5 רומס און באר רום און גאז. פרעגען טעלעפאן קאלעדזש 2814.
3946—18—10

2־טען פלעט און סטייבעל צו פערענטען. אויך דאבעל פארלאר און בעד רום. נאכפרעגען 225 בעווערלי סטריט.
3947—17—10

סאליד בריק שאפ, צוויי פלאארס, מיט 3 גרויסען יארד. פרעגען 212 סימקא סט. י. דייווים.
3948—10—18

פאר די מלחמה קרבנות

אויף א ברית ביי מר. קאהען 147 אגוסטא עוועניו וואו חזן קאפלאן איז געווען דער מוהל איז קאלעקטעט געווארען 8 דאלאר דורך מר. בעלינקער פאר די מלחמה קרבנות. די געלד האט געקויפט מר. ב. האפמאן 57 קלערמאנט און עס איבערגעגעבען צום טרעזשורער מר. ה. וויינבערג.

מרס. הערמאן פון 66 עליזאבעט סט. האט געקאלעקטעט א דאלאר פאר די מלחמה ליידענדע.

אויף א ברית ביי יהושע מאלראווער אין 720 ריטשמאנד וועסט, איז דורך חזן וולאדאווסקי געזאמעלט געווארען $16.10 פאר די מלחמה קרבנות. אין דעם האט מר. מאקס כהן פון פאלמערסטאן בולווארד געגעבען $5.

דאס געלד איז איבערגעגעבען געווארען צו הערר וויינבערג פרעזידענט פון אידישען זשורנאל.

א גרויסען יישר כח חזן וולאדאווסקי פאר זיינע דאנקישאנס, און א גרויסען דאנק די אלע מנדבים.

ארבייטער פערלאנגט

פערלאנגט א פלאמבער פרעגען לאיעווסקי 10 ד'ארסי סטריט פאן קאלעדזש 7747
3900—17—16

פערלאנגט א גוטען ליידיס שניידער גוטע ווידזשעס, סטעדי ארבייט. נאכפרעגען 94 הארבארד.
3933—11—17

פערלאנגט א באי וואס וויל זיך לערנען שניידערן ביי קלאוקס און סוטס, פרעגען ביי ס. גרינבערג און קאמפאניע. 132 ריטשמאנד סטריט וועסט.
3925—17—10

פערלאנגט א פרוי אדער א מיידעל פיר לייכטע הויז ארבייט. קליינע פאמיליע נאכפרעגען מרס אפעל 292 קווין וועסט
3929—10—1

פערלאנגט א פערסט קלאס אפערייטאר צו וועסטען. פרעגען ארט טיילארינג קארנער קאלעדזש און מארקהעם סטריטס
3931—10—17

פערלאנגט א מיידעל אדער א פרוי פאר הויז ארבייט אין א קאונטרי. נאכפרעגען מיסעס לעווין 79 וועגאלי סטריט.
3903—11—17

פערלאנגט א וואטש פרוי צו מרס. סאלאמאן 5 טרעפען סט.
3876—10—15

פערלאנגט א פרעסער און שניידער וואס קענען פרעסען אויף שטעה מאשין. אנפרעגען 177 קווין וועסט.
3915—10—15

פערלאנגט א גוטע פעלערהאנד און באטאן נייערין ביי וועסטען. שלעסער 126 יארק סטריט.
3914—15—10

צו פערקויפען א קלינינג און פרעסינג ביזנעס. גוטער און ביזי נעגענד. וויל פערקויפט ווערען איבער אנדערע ביזנעס.
פרעגען באקס 732.
3911—15—10

א אידיש מיידעל וועט טהאן טייפרייטינג און קליינע דזשאבס אין בוכפיהרונג אין די אבענדס.
שרייבען צום זשורנאל באקס 700.
3908—22—10

פערלאנגט פינישערס, אפערייטארס און בושלער צו מענס פענטס.
פאנטשארד בירעל קאמפאני.
549 קינג סטריט.
3938

פערלאנגט דזשולערס גוטע ווידזשעס געצאהלט סטעדי ארבייט. זיך מעלדען גלייך.
י. סוויט 23 דזשאהן סטריט נארטה האמילטאן.
3937—17—10

פערלאנגט פרעסערס צו מענער רעק רענדעל און דזשאהנסאן קארנער סימקא און וועלינגטאן.
פרעגען פאר קורין.
3952—18—10

פערלאנגט א סיילסמאן פאר א מענס פארנישינג סטאר, מוז האבען עקספיריענס און קענען ריידען עטליכע שפראכען. נאכפרעגען 172 דונדאס סטריט נארט האמילטאן אנט.
3924—10—15

פערלאנגט
פינישערס אויף פענטס, גוטע ווידזשעס בעצאהלט. סטעדי ארבייט. נאכפרעגען: „עמפייר קלאדהינג קא.“, 160 דזשאן סט.
3943—10—18

פערלאנגט צוויי ארבייטער מיט באארד א שניידער פאר קינדער סוטס און א לאסטער צום לאסטען שיך. זיך ווענדען 161 האנראס סטריט.
3927—10—17

פארטנער פערלאנגט פאר אן אלטע עטאבלירטע עמבראדערי ביזנעס וואו א פראכטפאלע צוקונפט איז פערזיכערט דער אינוועסטמענט איז פון $1000 ביז $2000.
זיך ווענדען זשורנאל באקס 3489.
3934—11—15

דער בעסטער פלאמבער און בלעקער עס ווערט געמאכט אלערליי ארבייט אויף לייכטע אבצאהלונג. פוירנעס פייפ און סטאף פייפ 6 סענט א לענג.
ב. שערמאן 527 קווין סטריט וועסט טעלעפאן אדעלייד 2055.
390211—11

פערלאנגט פינישערס אויף פענטס גוטע ווידזשעס, סטעדי ארבייט. נאכפרעגען: „קעפיטאל ברענד טראוזערס“ 160 דזשאהן סטריט טאפ פלאאר.
394410—18

וויכטיג פיר די פרויען פון וועסט ענד!

איך מאך בעקאנט דאס פובליקום פון די וועסט דאס דאנערשטאג דעם 14 טען אקטאבער וועט געעפענט ווערען מיין בוטשער שאפ אין 555 קווין סטריט וועסט וואו איהר קענט ביי מיר בעקומען צו יעדער צייט פרישע פערשיעדענע פלייש

צו 9 סענט א פונט

מיר דעליווערען צו יעדער פארט פון שטאדט.

אכטונגספאלל
פ. מארגאליעס
555 קווין סטריט וועסט
טעלעפאן אדעלייד 1424

זוכען זייערע קאזינס

ניט פערגעסענע קאזינס, האנע און אברהם אליהו פראדקינס: (פיליכט איז דער אנקעל הירש פראדקין אויך אין טאראנטא, איז אוודאי גוט!)

מיר, קיילע און דאנע באלאטינס, זיינען יעצט רחל'ס קינדער, אייער מוטערס מלכה'ס עה"ש א שוועסטער, בעטען אייך רופט זיך אב אויף אונזער אדרעס.

מיר זיינען חלילה ניט נויטבעדערפטיג מיר ווילען ניט זיין עלענד, מיר ווילען האבען פריינדליכע גרוסען פון פריינד.

אונזערע ברידער קענט איהר גוט. ברוך און משה באלאטינס פון סוראזש טשערניגאווער גוב. ענטפערט, ווערט ניט פערפרעמדט.

די עלענדע קאזינעס קיילע און דאניע באלאטינס.

Miss Bol tin,
413 N. Bond Street
Baltimore, Md

3945—16—10

ס. ט. ארב. רינג בר. 293

וועט אבהאלטען א מיטינג היינט פרייטאג דעם 15־טען אקט. אין 194 בעווערלי סטריט. זעהר וויכטיגעס צו פערהאנדלען.

א. נאדעלמאן סעק. 30 הענרי סט.
3951—15—10

א קצור פון די נארטה וועסט לאנד געזעצע.

דער עלטערער פון דער פאמיליע אדער עני מאן איבער 18 יאהר אלט, וועט קענען בעקומען א פערטעל אבטהיילונג פון דאמיניאן לאנד אין מאניטאבא, סאסקאטשעוואן אדער אלבערטא.

דער פארשלאג דארף געמאכט ווערען אין די דאמיניאן לענד אייגענסי אדער סאב אייגענסי פון דיסטריקט. אן אפליקיישאן קען געמאכט ווערען אין אפיס פון לאקאל אייגענסי פון דאמיניאן לאנד (ניט סאב אגענט) אויף געוויסע קאנדיציאנען.

פליכטען — 6 מאנאטען אויף בעארבייטען די לאנד אין יעדע דריי יאהר. א הויז בעזיצער קען וואהנען 9 מייל וויט פון זיין פלאץ אויף א פארם פון ניט וועניגער ווי 80 אקער לאנד אויף געוויסע קאנדיציאנען. א הויז איז נויטווענדיג אין יעדען פאל סיידען ווען דערוואהנונג איז אויף'ן זעלבען פלאץ.

אין געוויסע דיסטריקטען א האמסטעדער וועלכער איז אין גוטע אומשטענדען קען קריגען א פערטעל האמסטעד ארום זיין פלאץ פיר דעם פרייז פון 3 דאלאר א אקער.

פליכטען — 6 מאנאטען וואהנען אויף פלאץ און יעדע זעקס יאהר ווען די האמסטעד געהט אריין אין קראפט (שוין אריינרעכענענדיג די צייט פון דער ענטרי) 50 אקער עקסטרא פיר בעארבייטען די צייט פיר קול ... זיווירען איז אבהענגיג אין קיים אויב אויס געפינען דא דער פלאץ איז א זאמדיגע אדער א שטיינענדיגער נאכדעם ווי רעפארטעט צו האמסטעד אינספעקטאר.

א פארמער וועלכער האט בעארבייט זיין פארם און האט פון איהר קיין רעזולטאטע קען נעהמען לאנד אין וועלכען דיסטריקט ער וויל פאר 5 דאלאר אן אקער.

פליכטען — מוז זיצען 6 מאנאטען אין יעדע 3 יאהר בעארבייטען 50 אקער און אויס בילדען א הויז אין ווערטה פון $300

ו. ו. קארי.
דעפיוטי מיניסטער אף אינטעריאר
נ. ב. ניט אויטאריזירטע פובליקאציעס פון דעם אדווערטייזמענט וועלען ניט בעצאהלט ווערען.
— 87088

צו אלע טשיקען הענדלער!

פריינדע, איהר זייט אויפגעפאדערט צו א מיטינג אין 222 סימקא סטריט זונטאג דעם 17־טען אקטאבער אום [illegible] אוהר נאכמיטאג.
3942—10—17

צו די רענט פעדלערס פון טאראנטא

זייט וויסען אז איך קויף ווייטער אנדאנער רעקלאך און איך צאהל 4 סענט א פונט.

איך בעט אלע פעדלערס זיי זאלען מיר פאטראנייזען, ווייל איך בין דער אלטער קויפער.

מר. סיבעלמאן 81 סענטער עוועניו
איך האב קיין פארטנערס נישט.
3905—18—10

עקספרעסען און שווערע וועגענס.
ווי אויך פוירסט קלאס קערידזשעס פיר התונות און רענטען. פרייזען פון $1.00 ביז $1.75 יעדער. ספעשעל פרייזעס פיר לויות.
האלגרייווס ליווערי 11 גרענרוש עוו.
פאן קאלעדזש 4953.

„איהר עהרע“
אן אריגינעלער און שפאנענדער ראמאן אויס דעם היגען אידישען לעבען.

געשריבען ספעציעל פאר'ן „אידישען זשורנאל“
פון ב. באראץ.

(5־טע פארטזעצונג)

ער האט זי אויסגעזויגען ווי א פיאורקע, און אנזעטיגענדיג זיך מיט איהר וויפיעל זיין הארץ האט געגלוסט האט ער זי אוועקגעווארפען ווי אן אויסגעקוועטשטע לימענע.

זי האט זיך צו איהם איבערגעגעבען מיט לייב און לעבען און האט געגלויבט זיין פערשפרעכען דאס ער וועט מיט איהר חתונה האבען. ער האט זיך אבער ציניש אויסגעלאכט פון איהר. זי האט איהם געסטראשעט, געוויינט פאר איהם און האט איהם געבעטען ער זאל אויף איהר רחמנות האבען, זאל זי ניט רואינירען אויף אייביג. זיין הארץ איז אבער פון דעם ניט גערירט געווארען. ער האט זי מעהר ניט געוואלט.

א געשענדעטע און ערנידעריגטע איז ראזע ארויס אויף דער גרויסער ברייטער וועלט. דאס איז געווען איהר ערשטע ערפאהרונג און זייענדיג אזוי יונג און אונערפאהרען איז זי געבליבען פערצווייפעלט.

צו בעגעהן זעלבסטמארד איז זי ניט געווען שטארק גענוג. זי איז ניט בעזעסען יענעם שטארקען ווילען צו טהאן מיט זיך וואס זי האט געוואלט.

זי האט פרובירט צו ארבייטען אין שאפ. פערגעסען אלעס וואס עס האט פאסירט און איבערקעהרען א נייע בלעטעל אין דער געשיכטע פון איהר לעבען. אבער אלעס האט אויסגעוויזען צו זיין נעגען איהר. עס האט איהר אויסגעוויזען אז די גאנצע וועלט ווייס וואס מיט איהר האט פאסירט, און אלע קוקען אויף איהר פערדעכטיג. זי האט ניט געקענט פערטראגען די בליקען מיט וועלכע די ארבייטער פון שאפ פלעגען קוקען אויף איהר. די בליקען זיינען געווען אזעלכע אייסגעלאסענע און ציניש, אז זי האט גערעכנט אז אלע מענער זיינען ווי איהר חתן און אז קיין אנשטענדיגער מאן איז גאר אויף דער וועלט ניטא.

און פיליכט וואלט זי נאך דאס אלעס געווען גאנץ געדולדיג אריבער געטראגען האט זיך אבער געטראפען א געשיכטע וועלכע האט זי אין גאנצען פון שאפ פערטריבען.

דער בעל הבית אין וועמענס שאפ זי האט געארבייט האט זיך גענומען איהר ערקלעהרען אין ליעבע. ער האט איהר גענומען ערקלעהרען אז פאר אזא שעהנע מיידעל ווי זי איז, איז ארבייטען אין א שאפ אן אונגליק. זי דארף לעבען ווי א קעניגין אנגעטהאן אין שעהנע דרעסעס און דימאנטען. ער האט זיך אונטערגענומען איהר דאס אלעס צו פערשאפען.

מיט עקעל האט זי זיך אבגעקעהרט פון איהר בעל הבית'ס פארשלאג, און אום ניט אריינגעצויגען צו ווערען אין זומפ האט זי גלייך דעם שאפ פערלאזען.

ראזע האט זיך אבער ניט געהאט וואו אהין צו טהאן. ניט ארבייטענדיג האט זי אבער ניט געהאט מיט וואס א טאג איבערצולעבען. זיצען ביי איהר אנקעל און עסען האט זי פאר קיין פאל ניט געקענט. צו דער צייט וואס ער אליין האט ניט געהאט גענוג אויף צו לעבען און צו ערנעהרען זיין גרויסע פאמיליע.

זי האט זיך געמוזט אונטערווארפען איהר שיקזאל און געהן זוכען אן אנדער דזשאב און ווייטער אין א שאפ. אבער דא האט זיך ווידערהאלט די זעלבע געשיכטע נור אויף אן אנדער אופן. אנשטאט דעם בעל הבית האט זיך צו איהר צוגעטשעפעט דער פארמאן. זי האט אבער בעשלאסען געדולדיג אריבער צו טראגען אלע זיינע ליעבעס ערקלעהרונגען צו איהר, און זי האט גערעכנט אז ער וועט זעהען אז זי שענקט איהם קיין אויפמערקזאמקייט וועט עס איהם מיאוס ווערען און ער וועט זי אבלאזען. זי האט אבער געמאכט א גרויסען טעות. זעהענדיג אז ער קען מיט גוטען גאר נישט אויפטהאן האט זי דער פארמאן אין גאנצען ארונטערגעשיקט פון דער ארבייט. זי איז געווארען אזוי ניטערשלאגען, אז זי האט זיך בעשלאסען אויף דאס ערגסטע קלעהרענדיג אז זי קען נעגען דער גאנצער וועלט ניט קעמפען און וועט זיך סוף כל סוף מוזען אונטערגעבען.

ווען זי וואלט אבער ניט געהאט קיין האנד וועלכע זאל זי שלעפען אין אבגרונד וואלט זי נאך פיליכט דורכגעקעמפפט איהר וועג. זי האט זיך אבער צופעליגער ווייזע בעקענט מיט „סטראנג דייווי“ און דאס האט איהר שיקזאל אויף אביג פערזיגעלט.

די ערשטע מינוט ווען סטראנג דייווים בליק איז געפאלען אויף ראזען האט ער בעשלאסען אז דאס איז זיין סחורה, מיט א בליק פון א ווייסען שקלאפען הענדלער האט ער אבגעמאסטען איהר גאנצען קערפער און האט ביי זיך אין געדאנק גענוי אויסגערעכענט וויפיעל זי וועט איהם אריינברענגען, און בעקומען זי איז איהם ניט שווער אנגעקומען. אויף דעם איז ער געווען א העלד. פערפיהרען פרויען און אריינקריגען זיי אין זיין נעץ איז געווען זיין ספעציאליטעט.

בלויז א קוק טהוענדיג אויף ראזען האט ער גלייך געזעהען אז זי איז אין טראבעל. זיין ערשטע ארבייט איז גלייך בעשטאנען אין דעם וואס ער האט איהר גענומען ארויסהעלפען מיט געלד און אנדערע זאכען. דערביי פערזיכערענדיג זי אז ער איז ניט ווי אלע מענער און זוכט פון איהר גאר נישט פאר די טובות וואס ער טהוט איהר.

צו ערשט האט איהם ראזע ניט געגלויבט. אמת זי האט פון איהם געלד גענומען אבער זי האט זיך ניט געקענט העלפען. ארימע ראזע זי האט נעבאך ניט געוואוסט אז מען גיט דעם טייפעל א פינגער נעהמט ער די גאנצע האנד. זי איז נאך פאר דעם געווען צו יונג און אונערפאהרען.

זי האט ווירקליך געזעהען אז ער גיט איהר אלעס און פערלאנגט פון איהר גאר ניט. צו ביסלאך האט זי איהם געשענקט איהר צוטרויען.

מעהר האט „סטראנג דייווי“ ניט בעדארפט. ער האט זי גענומען און האט פשוט אריינגעגעבען אין א הייזעל. צו ערשט איז עס צוגעגאנגען שווערליך. ראזע האט געקעמפט און האט זיך ניט געלאזט. נור אונטער דעם איינפלוס פון „סטראנג דייווי“ איז זי בעסער געווארען און האט זיך אונטערגעגעבען. פריהער האט ער איהר דערצעהלט אז דאס וועט בלויז זיין אויף דערווייל, ביז זי וועט פערדיענען אביסעל געלד און דאן וועט ער זי פון דארט ארויסנעהמען, און וועט מיט איהר חתונה האבען.

אביסעל אויס דאנקבארקייט צו איהם און אביסעל צוליעב איהר שוואכען כאראקטער האט זי איהם נאכגעגעבען און האט געטהאן וואס ער האט איהר געהייסען, און געהייסען האט ער איהר זיין גוט און ליעבליך צו מענער וועלכע בעצאהלען גוט. ער האט זי אויך אויסגעלערנט די קונסט פון צו קריגען וואס מעהר געלד ביי מענער. פאר דאס איבעריגע האבען זיך שוין געזארגט די מאדאמען פון די הייזער, צו וועמען „דייווי“ פלעגט זי אריינפיהרען.

די ערשטע צייט איז דייווי צו איהר ווירקליך געווען זעהר שטארק איבערגעגעבען ער האט ביי איהר קיין געלד ניט גענומען נור ער פלעגט איהר צו ריידען זי זאל זיך קויפען שעהנע קליידער, און דזשולערי.

באלד אבער ווי זי האט זיך איינגעבראכט אביסעל אין דעם לעבען אין וועלכען זי איז אריינגעשלעפט געווארען, פון וועלכען מען קען שוין קיינמאהל ניט ארויס, האט ער ביי איהר אנגעפאנגען צו נעהמען דאס געלד. פריהער מיט גוטען, צו ביסלאך, אונטער פערשיעדענע אויסריידען. ער דארף האבען, ער איז געבראכען, און אזוי ווייטער. אבער וואס ווייטער האט ער גענומען פאדערען זי זאל איהם געבען מעהר געלד, און אז זי פלעגט מיט טרעהרען אין די אויגען זיך ביי איהם בעטען, און זאגען אז זי האט ניט מעהר פלעגט ער זי מערדערליך שלאגען און שרייען זי, זי זאל פערדיענען מעהר.

עס איז געקומען אזוי ווייט אז ראזע האט שוין אליין געדענקט אז זי איז געבארען געווארען צו פיהרען אזא לעבען, און זי האט זיך איבערגעגעבען צום טרינקען און רויכערען. צוויי זאכען וועלכע אונטערגראבען דעם געזונד פון דעם סארט פרויען וועלכע פיהרען אזא לעבען.

איין זאך האט זי נור שטארק פערדראסען און דאס איז וואס ער האט זי אלע מאל אזוי שטארק געשלאגען. ווען זי פלעגט זיין אין א שיכור צושטאנד פלעגט זיך איהר אליין ווילען אז דייווי זאל זי שלאגען. זי האט נעפיהלט א מאדנעם בעסטיאלישען פערגעניגען דערביי. קוים אבער פלעגט זי זיך אויף א ווייליע אויסניכטערען, פלעגט אין איהר הארץ אויפפלאקערען א פייער פון ראכע. זי פלעגט זיך דערמאהנען אן איהר יוגענד, אן איהרע עלטערען וועלכע זי פלעגט זעהען ווי פון א חלום, און זי פלעגט דאן ווינשען דייווי'ן דעם טויט.

עס איז דעריבער קיין וואונדער ניט וואס זי האט זיך אזוי שטארק נעפרעהט דאן ווען בעקי האט איהר אנגעזאגט אז „סטראנג דייווי“ איז ערמארדעט געווארען.

(פארטזעצונג פאלגט)

א. ר. גלושקאוו.

טאקע א פישעל...

א מתנה דעם הערר א. רייזוויין

שוין ניט איינמאל האט יאסעלע געכאפט א פסק פון דער מאמען, ער זאל ניט געהן צום טייך כאפען פישעלעך, אדער שיפען זיך מיט „חוואדעי דעם פישער", וואס פלעגט איהם אפט איינלאדען צו זיך אויפ'ן שיפעל . . .

ווען חוואדעי פלעגט ברענגען צו זיי אין שטוב פיש, פלעגט יאסעלע קוקען אויף חוואדעיען מיט בעטענדיגע פערדראסיגע אויגעלעך, ער וואלט אויך וועלען זיין א חוואדעי, און טהאן וואס ער וויל. . . קיינער זאל איהם ניט שטערען. . . אבער די מאמע פלעגט באלד דערקענען נאך דער נאז זיינע זיטדיגע געדאנקען. . . און פלעגט א זאג טהאן:

— בעסער וואלסטו חשק געהאט צו לערנען. . . זי פלעגט נאך צוגעבען: — למען השם, זאלסט נאר צום טייך אפילו ניט געהן!

איינמאל אין א שעהנעם זומערדיגען פריהמארגען, האט די מאמע יאסעלען ווי געוויינטליך, איינגעבונדען אין א טיכעל א שטיקעל ברויט אנגעשמירט מיט פוטער, און א פלעשעל מילך אויף פערבייסען, און האט איהם אוועקגעשיקט מיט די ווערטער:

— געה מיין קינד אין חדר!

און יאסעלע איז טאקע אוועק אין חדר, אבער דא טרעפט זיך א געשיכטע און יאסעלע דערזעהט פלוצלונג אויפ'ן וועג א גרויסען שטעקען מיט א לאנגען פאדעם צוגעבונדען צום ברעג שטעקען, און ביים ברעג פונ'ם פאדעם איז געווען צוגעבונדען א פערדרעהטע שפילקעלע . .

— א אודעטשקע! — האט יאסעלע אויסגעשריען אין איבערראשטער. . . יאסעלע האט באלד פערגעסען אין דער מאמען, אין רבי'ן, אין חדר, און איז מיט דער „אודעטשקע" אזוי ווי א אונטערגעשאסענער אוועקגעלאפען צו טייך...

יאסעלען איז דער וועג צום טייך געווען גוט בעקאנט, נישט איינמאל איז ער שוין דארט געווען. . . ער ווייסט אפילו, וואו עס איז טיעף, און וואו עס איז פלאך.. דארטען נעבען די „קוסטען" איז זעהר טיעף. . . .

נעקומען צום טייך האט ער אוועק געלעגט דאס עסען אויפ'ן גראז. — „עסען וועל איך שפעטער" — האט ער געטראכט. „חוואדעי עסט אויך שפעטער, אז ער כאפט שוין אן, דאן עסט זיך גאר מיט מעהר אפעטים . . . און אזוי פערווארפענדיג די „אודאטשקע" אין טייך, איז יאסעלע געשטאנען שטיל, ניט נעריהט זיך . . . די פישעלעך ניט שרעקען . . . ער וואלט וועלען, אז זיין אטהעם זאל זיך יעצט גאר ניט הערען . . . אבער שווער, פון לויפעניש איז ער גוט פערסאפעט . . . און אז ער וועט נאר אנכאפען . . . וועט ער ווייזען דער מאמען:

— זעה נישעלעך! . . . און זי די מאמען וועט ניט גלויבען אז ער זאל עס האבען אליין אנגעכאפט . . .

— נישקשה — האט ער זיך געטרייסט, — זי וועט גלויבען . . .

מיט אזא גליקליכען געדאנק איז געשטאנען יאסעלע, האלטענדיג דעם שטעקען אין איין האנד און באלד איבערבייטענדיג אין דער אנדער האנד . . .

יאסעלע איז געשטאנען א צייט, מיט אן אונגעדולדיגען נייגעריגען בליק האט ער געקוקט אויף דער „פראבעטשקע", וואס איז געווען צוגעבונדען אין דערמיט פון דער פאדעם, וועט זיך א ריהר טהאן... ווי זי טוהט זיך נאר א ריהר, כאפט ער שוין ארויס די „אודאטשקע" — דאס וועט ער ניט פערגעסען . . . .

אבער, מעשה שטן, די „פראבעטשקע" ריהרט זיך ניט — אבער גאר ניט . . .

אזוי איז ער אבגעשטאנען לאנג. און שוין כמעט אין גאנצען פערלירענדיג די האפנונג, אז עס זאל זיך כאפען א פישעלע, האט ער געוואלט מיט כעס א ווארף טהאן די „אודאטשקע", און געוואלט לויפען אין חדר . . . ווארום ער ווייסט, אז איהם ערווארטעט א „רעכטער פסק" פאר זיין זוימען זיך . . . .

פלוצלונג האט זיך אבער א ריס געגעבען דער שטעקען ביי איהם פון האנד, שיער אין גאנצען ניט ארויסגעפאלען... די „אודאטשקע" איז אין גאנצען געווען פערטרונקען אין וואסער . . . מיט א שטארק־קלאפענדער הארץ פון פרייד, האט יאסעלע א שלעפ געטהאן צו זיך דעם שטעקען, און ווירקליך — א פישעלע האט זיך געטרייסעלט אויפ'ן ברעג פון אודאטשקע . . . .

מיט א גליקליכער קלינגענדער שטימע האט יאסעלע אויסגעשריען:

— אהא! געפאקט טאקע! . . . ער האט זיך געשווינד געזעצט אויף דער ערד, און האט אנגעהויבען אבטשעפען דאס פישעלע פון דער „אודאטשקע".

— ס'זאל כאטש זיין א כשר פישעלע... אזא פישעלע, ווי די מאמע שאבט, און וואשט, און פרעגעלט אויף שבת".... האט זיך יאסעלע געטראכט: — און טאמער איז עס א טריפה פישעלע?"

דער געדאנק, „טאמער איז עס א טריפה פישעלע". . . האט איהם אין גאנצען בעאונרוהיגט.. דאך האט ער לייכטער אבגעשאטעמט, די פאדעם מיט דער „אודאטשקע" צונויפגעדרעהט און האט אריינגעלעגט אין קעשענע . . .

— ס'וועט צונויף קומען אויף א צווייטען מאל"... טראכט זיך יאסעלע: — דעם שטעקען דארף איך נישט; ס'איז דא צו קריגען פיעל אנדערע. . . און דאס „פישעלע" האט ער אריינגעלעגט אין קעשענע, קלעהרענדיג, אז קומענדיג אין חדר, וועט ער א פרעג געבען די איבעריגע אינגלעך, צו איז עס א כשר'עס, צי ניט".

די גאנצע צייט, וואס יאסעלע איז געגאנגען אין חדר, האבען זיך ביי איהם די געדאנקען געשטויסען, און יעדער געדאנק האט געוואלט דער אמת זאל בלייבען אויף זיין זייט...

אט נעהט ביי איהם א געדאנק: — איך וועל קומען אין חדר, ווייזען די אינגלאך, אז איך בין אויך א „כאפער פון פישעלעך!"... און באלד פליהט שוין דורך דער געדאנק: — צו וועלען זיי נישט מאכען פון מיר א געלעכטער? . . צו איז דאס פישעלע א כשר'עס? . . .

און יאסעלע האט געפיהלט א מאדנע ליעבשאפט, האלטענדיג אין הענטיל דאס פישעלע . . . עס האט זיך אפט א גליטש געטהון צווישען זיינע דארע קליינע פינגערלעך, אזוי ווי עס זאל וועלען אנט לויפען . . .

אויפ'ן הויף פונ'ם חדר, האט זיך שוין געשפיעלט אין קנעפלעך די „צווייטע כיתה". יאסעלע, האט גוט פערשטאנען, אז איהם ערווארטעט ביים אריינגעהן אין חדר א רעכטער פסק!... ווי נאר ער האט זיך געוויזען אויפ'ן הויף, האבען די אינגלעך א לאז געטהאן זיך צו איהם, מיט פערשיעדענע שטימען:

— א! יאסעלע! קום אקארשט אין באד! . . . . שרייט איינער.

— באלד וועט ער האבען טרוקענע הויז! . . שרייט א צווייטער. און יאסעלע גאר נישט רעדענדיג, האט א מאך געגעבען מיט'ן הענטעל אויף „שא, שטיל"! און דאס צווייטע הענטעל, אין וועלכער ער האט געהאלטען דאס פישעלע, האט ער אויסגעשטרעקט:

— זעהט! א פישעלע! . . .

די גאנצע חברה אינגלאך האט זיך א לאז געטהאן צו איהם מיט שטופעניש

— וואו? וואו? וואס איז??....

יאסעלען, האט מען אפילו נישט געלאזט דערצעהלען וועגען „זיין מציאה", און די „שאלה" וואס ער האט אנגעגרייט צו פרעגען: „צי איז עס א כשר'ע פישעלע" . . . האט ער גאר פערגעסען...

און אזוי שטופענדיג זיך און שריענדיג, האט מען איהם דאס פישעלע פון דער האנד ארויסגעכאפט, און ס'איז באלד טאקע געפאלען אויף דער ערד א „קרבן" מיט א „מיתה משונה"! זיי האבען עס מיט די פים צוטרעטען . . .

יאסעלע, אנשטאט זיין אנגעגרייטע „שאלה" — צי איז עס א כשר'עס", האט ארויסגעלאזט א שווערען זיפץ און האט אויסגעשריען: —

— גזלנים! א לעבעדיגע זאך געפטר'ט! . . .

אויף דעם גרויסען טומעל איז ארויס געגאנגען דער „רבי" מיט א פאנאנדערגעשפילעטער קאפאטע, און א גרויסער ווארעמער ארבע־כנפות, האט זיך כמעט ביז דער ערד געשלעפט . . .

— וואס איז? ! — האט דער רבי גע פרעגט מיט א כעס.

די חברה איז זיך צולאפען אויף די ערטער, נאר איין יאסעלע איז געבליבען שטעהן נעבען דעם פישעלע, אזוי ווי נעבען א פרישען קבר'על . . . מיט טרעהרען אין די אויגען, און א פערשטיקט קולכ'על האט יאסעלע אויסגעשריען:

— זיי האבען מיין פישעלע צו טרא־א־א־א־טען...

דער רבי האט א קוק געטהאן אויף יאסעלען געווארפען זיין שטרענגען בליק אויף דעם „פישעלע", וואס איז שוין נישט געווען צו דערקענען, אז ער האט א מאל געלעבט . . . און מיט א שטילער אבגעהאקטער שטימע ארויסגעברומט:

— א מעשה א ביסעל: טאקע א פישעלע! . . . .

באלטימאר מ"ד.

ענגלישע ארמיי אין אפריקא זיגט

לאנדאן אקט. 13

די ענגלישע ארמיי אין אפריקא האט געהאט נאך א זיעג איבער די דארטיגע דייטשען.

ענגלישע סאלדאטען האבען פערנומען די דייטשע קאלאניע קאמערון וועלכע געפינט זיך אין מערב אפריקא.

די שלאכטען פאר דער קאלאניע זיינען שוין אנגעפיהרט געווארען פאר די לעצטע עטליכע מאנאטען, און ענדליך האבען די ענגלענדער געזיעגט. אזוי איז דא היינט אפיציעל אנאנסירט געווארען.

די לעצטע שלאכט וואס איז פארגעקומען ארום דער קאלאניע האט אנגעהאלטען 30 שטונדען נאכאנאנד, און ביידע זייטען האבען געוועהנליך פיעל פערלארען.

פערזיגעלטע טענדערס אדרעסירט צום אונטערצייכנעטען און אינדאסירט "טענדער פאר פיטינגס, קאסטאמס עקזאמינינגס ווערהויזענד סא פארטה פארט ארטהור אנטעריא" וועט ערהאלטען ווערען אין דיזען אפיס ביז 4 נאכמיטאג, פרייטאג, אקט 29, 1915 פאר'ן איינפיהרען די דערמאהנטע פיטינגס, אין פארט ארטהור, אנט.

פלענער, ספעסיפיקיישאן און א פארם פון קאנטראקט קען מען זעהען און פארמס פון טענדער קען מען בעקומען ווענדענדיג זיך צו דיזען דעפארטמענט, אין אפיס פון מר. טהאס. האסטינגס, קלערק אף ווארקס, פאסטאל סטיישאן 'פ', טאראנטא אנט, און מר. וו. הוד. ארכיטעקט פארט ארטהור, אנט.

פערזאנען וואס שיקען אריין טענדערס זיינען מיר מודיע היערמיט דאס טענדערס וועלען ניט גענומען ווערען און אנבעטראכט סיידען זיי זיינען געמאכט אויף די געדרוקטע פארמס וואס זיינען פאראן און געחתמ'עט מיט זייער ריכטיגער חתימה, אנגעבענדיג זייער בעשעפטיגונג און זייער פריוואט אדרעס.

אין פאל פון א פירמא, מוז אנגעגעבען ווערען די ריכטיגע חתימה, דער כאראקטער פון בעשעפטיגונג און פריוואט אדרעס פון יעדען מיטגליעד פון דער פירמא.

מיט יעדען טענדער מוז געשיקט ווערען אן אקצעפטירטער טשעק אויף א טשארטערד באנק, צאהלבאר צום ארדער פון דעם האנריבל דעם מיניסטער פון פובליק ווארקס, אויף א סומע פון צעהן פראצענט פון ווערטה פון טענדער. וועלכער וועט קאנפיסקירט ווערען אויב די פערזאן וואס שיקט אריין דעם טענדער וועט זיך ענטזאגען אונטערצושרייבען א קאנטראקט ווען דאס וועט פון איהם פערלאנגט ווערען, אדער די פערזאן וועט ניט מאכען די ארבייט לויט'ן קאנטראקט. אויב אבער דער טענדער ווערט ניט אנגענומען וועט דער טשעק צוריק געקעהרט ווערען.

דער דעפארטמענט פערפליכטעט זיך ניט צו אקצעפטירען דעם ניעדריגסטען אדער וועלכען עס איז טענדער.

ביי ארדער
ר. ס. דעראשערס
סעקרעטער.

דעפארטמענט אף פאבליק ווארקס.
אטאווא, אקטאבער 13, 1915.

ציימונגען וועלען ניט קריגען בעצאהלט פאר דיזען אדווערטייזמענט אויב זיי וועלען איהם אהן דרוקען אהן דער פאלמאכט פון דיזען דעפארטמענט.

85830

רוסישער נצחון אין גאליציען

פעטראגראד אקט. 13

די לעצטע לייסטונגען פון די רוסען נאך זייערע נעכטיגע ערפאלגען אויפ'ן דווינסקער פראנט, בעשטעהען אין דעם וואס זיי זעטצען פארט זייער פרישע אנגרייפענדע בעוועגונג אין צפון זייט פון דער רומענישער גרענעץ. די פאזיציאן וועלכע זיי האבען געשטורעמט איז געווען אויף א בארג אין מזרח פון דארף זשאווארנקא, אויף דעם רעכטען ברעג פון טייך סטריפא, 13 מייל פון צפון בוטשארטש.

דיזע פעסטונג איז. וויסענשאפטליך געבויט געווארען, און איז געווען זעהר שטארק. פון דיזען באזיס האבען זיך די עסטרייכער געהאט פארבערייטעט צו אטאקירען דעם רוסישען לינקען פליגעל וועלכער ציהט זיך ביז פינסק. די רוסישע ערפאלגען ארום קאלקא און שארטאריעסק אבער, האבען זיי געגעבען א געלעגענהייט זיך צו בעפעסטיגען אויף דעם לינקען ברעג פון טייך סטיר, וועלכעס האט געסטראשעט גאנץ ערנסט זייערע געגנער.

האבענדיג אויף אזא אופן אריין געכאפט דעם ראוונא'ר געגענד און דעם וועג וואס פיהרט אין וואלין אריין, און אין דעם גאמפינען געגענד, האבען די רוסען פערנומען שטארקע פאזיציאנען אויף דער לענג פון די טייכען אליקא סטיר און איקווא.

היינט אין דער רוסישער שוהל

היינט 5 אזייגער פארנאכט וועט אין דער רוסישער שוהל אויף סענטער עוועניו פארקומען די חופה פון ראזא אייזמאן וועלכע ווערט פערבונדען מיט מר. יעקב טייטעלבוים.

שבת אום 12 אזייגער נאכמיטאג וועט אין 102 עליזאבעט סטריט פארקומען א רעסעפשאן.

אלע זייערע פריינד און בעקאנטע ווינשען זיי א הערצליכען מזל טוב.

אידען פון דער גאנצער וועלט!

64



צו איהר ווילט בעקומען א פרייז אדער ניט, די בילדער דארפט איהר זאמלען.

מיט פיעל שוועריגקייטען איז אנגעקומען די בילדער צו בעקומען.

א סעריע פון בילדער געזאמעלט אין פערשיעדענע לענדער איז פערבונדען מיט גרויסע אויסגאבען.

די בילדער זענען פאסיג פאר אן אלבום.

אז איהר וועט זיי אנקלייבען, וועט איהר האבען די שעהנסטע אידישע זאמלונג זאמעלט די בילדער, און ביי א קליינער אנשטרענגונג, וועט איהר נאך אויך בעקומען א פרייז.

זאמעלט די בילדער און בעקומט א פרייז

מיר וועלען דרוקען ארום 100 בילדער וועגען אידישע טיפען פון אלע וועלט טהיילען.

די בילדער וועלען ערשיינען יעדען טאג א בילד. זיי וועלען ניט האבען קיין אונטערשריפטען אונטער זיך און די לעזער וועלען דארפען טרעפען, וועלכען אידישען טיפ. דאס בילד שטעלט פאר.

ווען אלע בילדער וועלען אבגעדרוקט ווערען, וועלען די לעזער דארפען אריינשיקען זייערע בילדער, מיט די אונטערשריפטען, וועלכען אידישען טיפ, יעדעס בילד שטעלט פאר, פון די וואס וועלען אריינשיקען די ריכטיגע ענטפערס, וועלען 25 בעקומען פרייזען א פראכטפאל געבונדענעם און אינטערעסאנטען בוך.

מ. העלער
176½ קווין סט. וועסט טאראנטא

נייעס פאר אידען!
איין אידישע סטאר פאר אידען

מיר מאכען אלערליי דזשועלרי גלייך אויפ'ן פלאץ. חתונה רינגען געמאכט ווייל איהר ווארט. מיר פיקסען אלערליי דזשועלרי פאר דעם בילינסטען פרייז.

14 קערעט חתונה רינגען 80 סענט א פעניוויים. 18 קערעט חתונה רינגען $1.00 א פעני־וויים.

וואטשעס געקלינט גוט און גאראנטירט, 40 סענט. מיין ספרינגס 40 סענט, הייר־ספרינג 40 סענט, דזשועלס 40 סענט, סטעפס 50 ס מיר מאכען אייערע אלטע דזשועלרי ווי נייע. מיר א קליינעם פרייז. אלערליי ברילען ריכטיג געפאסט צו אייערע אויגען 98 סענט. מיר גיבען אייך ראיעלע סחורה פאר דעם בילינסטען פרייז.

ALEXANDRA אנפאנגענדיג מאנט. אקט. 11
די ערשטע מוזיקאלישע פארשטעלונג אין דעם סיזאן
די אריגינעלע
לאנדאן גאייטי פראדוקשאן
„היינט איז די נאכט"
'TO-NIGHT'S THE NIGHT'
איין ענגלישע סטאר קא.
אבענדס: 50ס. ביז $2.00 מאנטאג און שבת מאטינעע: 50ס. ביז $1.50
מיטוואך מאטינעע: 50ס. ביז $1.00
די וואך פון אקטאבער דעם 18־טען „פעג א'מיי הארט"

אברהם קאהען
באררישטער
נאטארי פאבליק
קאמישיאנער פיר נעהמען אפידייוויטס
Office, Sun Life Building
60 VICTORIA STREET
Main 2684
Residence, 7 Salem Ave. Junction 1545

— נאטיס —
מיר ווינשען בעקאנט צו מאכען דעם אידישען פובליקום דאס מיר האבען געעפענט אונזער
בייליף אפפיס
אין
107 אדעלייד סטריט, וועסט.
אונטער די אויפזיכט פון בראונשטיין און וואלש די איינציגע אידישע בייליפס אין דער שטאדט.
מיר עקזעקיטירען ווארענטס און קאלעקטען רענטס. א. ז. וו. אונזערע טערמס זענען ריזאנאבעל און ריטארנס ווערען פונקטליך געמאכט.
בראונשטיין און וואלש, פראפרייטארס.
טעלעפאן אדעלייד 3607.

בעקאנטמאכונג



איך מאך בעקאנט צו אלע מיינע פריינדע און פאטראנייזער פון טאראנטא און אומגעגענד דאס איך אטענד צו ברית'ן און חתונות ניי אימער מיט די בעסטע צופריעדענהייט. איהר קענט מיר טעלעפאנירען אין הויז ווי אויך אין מיין שיפס־קארטען קאנטאר און איהר וועט זיכער צופריעדען געשטעלט ווערען ווייל מיין נאטור קענט איהר אלע איז צופריעדען צו שטעלען יעדען איינעם אויפ'ן בעסטען ארט.
מיין אדרעסע איז 166 דזשאהן סט. טעלעפאן אין הויז אדעלייד 1545 און אין אפיס אדעלייד 239.
רעוו. מ. קאפלאן
מוהל ומסדר קידושין
איך גיב מערידזש לייסענס פריי.

CANADIAN GOVERNMENT RAILWAYS
INTERCOLONIAL
PRINCE EDWARD ISLAND RY
באנעווענטשור יוניאן דעפא. מאנטרעאל.
אושען לימיטעד — געהט אב 7.25 נאכמיטאג — טעגליך
מאריטים עקספרעסס טעגליך, אויסער שבת. 8.15 פארנענס
סליפערס פאר דער גאנצער רייזע.
[illegible] און האליפאקס
קאנעקשאן פאר סיינט דזשאהן, די סידניס פרינס עדווארד איילענד, ניופאונדלאנד.
ע. טיפפין דזשענעראל וועסטערן איידזשענט
51 קינג סטריט איסט, טאראנטא. מיין 554

לאקערניא ערעפענט!
מיר מאכען אויפמערקזאם בעקערס, פעדלערס, עקספרעסמען און שעפער און אויטאמאביל אייגענטהימער, דאס מיר האבען ערעפענט א שאפ פאר פיינטען, ווארנישען און לאקירען אויטאמאבילס, וועגען, קערידזשעס א. א. וו.
אין 110 ד'ארסי סטריט
אכטונגספאלל
די מ. ה. ק. ד. קאמפאני

כשר און ביליג אונגוס
איך מאך בעקאנט צו אלע מיינע קאסטומערס גראסערס און אייזקרים פראלארס און דעליקאטעסען סטארס, אז אלע מיינע וואארען ווערען פערקויפט ביליגער 2 סענט אויף דעם פונט אין קעס. און איהר בעדארפט ניט צאהלען פאר אייער געלד קיין אינטערעסט. דאס זיינען די ווארעס: וואורשט, וויענערס, קארנבעף, באלאנע.
ארדערס דעליווערט איבעראל מיט דער גרעסטער צופריעדענהייט
משה סאלקאוויטש, 694 ריטשמאנד סטריט וועסט. טעלעפאן אדעל. 1559

דר. מ. פיווניק
.:. דענטיסט .:.
קאר. קווין סט און ספאדינא עוו.
טעלעפאן אדעלייד 4067
בענק אף האמילטאן בילדינג
Dr. M. PIVNICK B. A. Sc.
Room 2

מ. מ. דייוויס
פאבליק אדיטאר
אדיטינג, סיסטעמאטייזינג אינוועסטיגיישאן.
350 קאלידז סט. טאראנטא
טעלעפאן קאלידז 7632

Toronto Wet Wash Laundry
Co. Limited
פערלירט ניט אייער געלד און געזונט. גיט אונז אייער לאונדרי, מיר וואשען פאמיליע וועש.
דעמפ 30 פונט — 75 סענט ראף טרוקען, 30 פונט, 1 דאלאר. יעדער וואשינג ווערט געוואשען בעזונדער.
291 Arthur St.
Phone: Parkdale 5280 5281

קאנטאר וולאדאווסקי האט געמופט אין 62 בראנזוויק עוועניו.
דער טעלעפאן נומער איז דער זעלבער, וואס עס איז געווען.
דער גרעסטער אנטיסעפטיק
מוהל
און דער מאדערנסטער
מסדר קדושין אין טאראנטא

איז
קאנטאר וולאדאווסקי
רופט מיך און איבערצייגט אייך.
קאנטרי לייט קענען מיך אויף אנגאזשירען פאר שמחות. מיין וואהנונג איז 62 בראנזוויק עוועניו, און מיין פאן נומער איז 1076 קאלעדזש.
פיר ארימע אומזאנסט.

טאראנטאר אידען
סייפט 75 סענטס און איין דאלאר יעדע וואך! ביי מאכענדיג אייער לאנדרי ראף דריי; אייערע העמדער און קאללארס לעבען לאנג און זעהען אויס קלאהר און שעהן ווען זיי ווערע' אויסגעארבייט ביי עקספערטען אין ד
TABER LAUNDRY WORKS
444-46 Bathurst St.
Phone Col. 5143 8333

סטאוס, ריינדזשעס, און פורניטשור — צו ביליגע פרייזען
[illegible] גאז און קוילען רענדזשעס
WESTWOOD BROTHERS
635 St. Queen W. Phone Adel. 1518

די פראזי סטארעדזש און קארטעדזש קא. לימיטעד
הויפט אפיס 255 קאלעדזש סטריט
טעלעפאן: קאל. 386. מיין 5237
זעפאריים רום סיסטעם פאר האלטען פארניטשור
אויסגעבעטע וועגען. גוטע און אויסערגעוועהנליכע מעגליכקייטען צו מופען אדער סטארינג הויז זאכען און סחורה. עקספערט פעקערס. באגעדזש טשעק די אלע פעקינג מאטיריעלס בעזונדערס. גוטע בעהאנדלונג און ביליגע פרייזען.

סעפריים רום סיסטעם.
די וויליאמס
קארטיידזש און סטארידזש קא.
טעלעפאן קאלעדזש 262
דזשענעראל קארטיידזש און [illegible] 368 ספאדינא עוו. [illegible] באגאזש, פיאנאס און אלע סארטען פארניטשור געמופט און געסטארד צו די ביליגסטע פרייזען. שטוב זאכען געפאקט און געשיפט פון עקספערט לייט.
ווערהייזער: 551 קווין סטריט וועסט. צונערעקסטע וועגען. פלעזשור פליעס.
ל. י. רעדפערן.

דר. מ. קייטס
דענטיסט
218½ קווין סטריט וועסט
[illegible]
DR. M. KATES, Dentist
218½ QUEEN ST. WEST
PHONE MAIN 979

ריעגען און לע ווערנאא
באררייסטערס א. א. וו.
מעננינג טשעמבערס רום 112 ערשטער פלאר, טעלעפאן עדלייד 2436
REGAN & LE VERNOIS
BARRISTERS &C.
Manning Chambers,
Room 112, First Floor
Telephone Adelaide 2436

ווארשעווער אקושארקע
ענע ראטמאנאווסקי
233 סימקא סטריט
טעלעפאן עדעלייד 1543

פיר שמחות
ווען איהר מאכט א שמחה און דארפט בראנפען, וויין אדער ליקער, קומט צו דער גוט בעקאנטער פירמע
דזש. וו. הייען
188 קווין סט. וועסט. פאן מיין 106
א פולער ליין פון כרמל וויין און ברענדי אין סטאק.
אלע ארדערס פינקטליך אטענדעד

הארדוועיר און קאטלערי
דאס בעסטע פלאץ פאר אלע סארטען הארדוועיר, נייע פיקטשורס, [illegible] און גלאובס, עלעקטריק פיקטשורס, [illegible]
G. H. IBBOTSON
343 באטהורסט סטריט
טעלעפאן קאלעדזש 6242

ONTARIO LAUNDRY CO. Ltd

זי — מיין לינדזשערי־וועש בעקומט די בעסטע אויפמערקזאמקייט.
ער: — יעס און מיינע העמדער און קאלארס בעקומען די שעהנסטע אבארבייטונג און אויסקוק וועלכע געפעלט מיר זעהר שטארק.
אנטעריא לאונדרי קא. לימיטעד
97 עדווארד סט. טעל. מיין 4821

די געלעגענהייטען פון ניו אנטעריא
[illegible]
ת. א. מעקראנעלען
דירעקטאר פון קאלאניזאציאן
פארלאמענט בילדונג
טאראנטא אנטעריא

פערלאנגט
פערלאנגט מענער צו לערנען דעם בארבער טרייד. עס פאדערט זיך איינציגע וואכען בלויז. שטעלע גאראנטירט. טולס פריי. שרייבט פאר א קאטאלאג און איינצעלהייטען היינט. מאלער בארבער קאלעדזש 221 קווין איסט, טאראנטא.
The Moler Barber College
221a QUEEN STREET EAST

THE DAILY HEBREW JOURNAL
H. WINBERG, Pres. & Gen. Mgr.
The Only Daily Jewish Newspaper in the Province of Ontario
PUBLISHED BY
— CANADIAN JEWISH PUBLISHING CO., LTD. —
67 Elizabeth Street Telephone Main 4582
SUBSCRIPTION RATES: $3.50 PER YEAR
SINGLE COPY 1c.
Entered as Second Class Mai Matter at G.P.O. Toronto, Ontario
January 22nd, 1913
110

די אונזיכערע לאגע

וולאדימער בורצעוו, דער בעריהמטער רוסישער רעוואלוציאנער, האט געגעבען אן אינטערוויו צו דער „בירזשעוואיא גאזעטא", וועלכען מיר ציטירען לויט עראיז איבערגעגעבען אין דער „ניויארקער טיימס".

פאר דער גאנצער צייט פון מיין געפאנגענשאפט אין סיביריען, האט דער אלטער רעוואלוציאנער ערקלעהרט, האב איך ניט אזוי געגלויבט, אז איך וועל בעפרייט ווערען, ווי אינ'ם מאמענט, ווען עס איז בעקאנט געווארען, אז מאקלאקאוו און שטשעגלאוויטאוו געהן. זייער דימיסיע האט מיר נאך מעהר דערפרעהט ווי מיין בעפרייאונג, און עס האט בעדייט פאר מיר, אז דא וועט פערהיט ווערען א קאטאסטראפע, וועלכע קאסט שוין רוסלאנד אזוי פיעל מענשען. עס האט פאר מיר געהייסען, אז דא דערגרייכט מען ענדליך א פונקט, וואו די איצערליכע וויכטיגע פראגען וועלען געלייזט ווערען. איך האב בלויז בעדויערט, וואס אזעלכע וויכטיגע פראגען ווי אונאבהענגיגקייט פאר פוילען, און דאס אבשאפען פון די בעגרענצונגען פאר אידען, זענען ניט דורכגעפיהרט געווארען נאך מיט א יאהר פריהער, ווייל דאס וואלט געווים געראטעוועט מיליאנען פון לעבענס, און די רוסען וואלטען שוין יעצט געוועזען ווייט איבער גאליציען.

קיינער צווייפעלט שוין ניט מעהר, אז דאס פאלק און די דומא שטעהען פאראייניגט, און אונזער גאנצע ישועה ליעגט אין דער דומא, און איך צווייפעל ניט אויף קיין מאמענט, אז רוסלאנד וועט אמת פראגרעסיוו ווערען, און מארשירען פאראווערטס צוגלייך מיט דער גאנצער ציוויליזירטער וועלט.

בורצעוו קען רוסלאנד, און ווען ער האט געזאגט, אז מאקלאקאוו און שטשעגלאוויטאוו רעזיגנאציעס מיינען א נייע עפאכע פאר רוסלאנד, האט ער געווים געהאט גענוג ארגומענטען, מיט וועלכע עס צו בעשטעטיגען. און דאך איז די ווירקליכקייט אנדערש.

אויב עס איז היינט צו טאג דא א לאנד, וואו אלעס האט א ממשות פון שפינוועבס, און די נאכט ווייסט ניט, וואס דער מארגען וועט ברענגען, איז עס די פאליטישע רוסלאנד, די רוסישע זעלבסטהערשונג, וואס הערשט מיט אייזען און בלוט איבער די פיעלע רוסישע פעלקערשאפטען.

דאס וואס עס איז היינט דארטען אן אמת, א ווירקליכקייט, ווערט מארגען פונקט קאפויר. אט האט מען אנגעצייכענט, זייער דימיסטיע און די שטאלצע רעדעס פון דער דומא־טריבונע, אלס א בעוויז פאר א נייע רוסלאנד, און אויסלאזען, האט זיך עס גאר אויסגעלאזט, מיט צוטרייבען די דומא, און מיט דער בעשטימונג פון הער פאאסטאוו אין מיניסטעריום. אט מעלדעט דער קייבעל, אז נייע דריי רוסישע ליבעראלע מיניסטארען זיינען געצוואונגען געוועזען צו ריזיגנירען, צוליעב זייער ליבעראליזם, און וויעדער מעלדעט דער קייבעל, אז אלס אבער פראקוראר פונ'ם סינאד, אויף יענעם אמט, וועלכעס עס האט אמאהל געהאלטען דער בעריהמטער אידען־פרעסער פאביעדאנאסצעוו איז בעשטימט געווארען דער ליבעראל וואלזשין.

און עס שטעהט דער עולם פערוואונדערט, וואס זאל דיעזער מיש־מאש בעדייטען, וואס זאל מיינען דיעזער מאמענט, ווען טאג און נאכט גיסען זיך צוזאמען, ווען רעאקציע און ליבעראליזם טריאומפירען ביידע.

בורצעווס פרייד איז געוועזען א צו פריהיגע, ווייל אויב די בורצעווס קענען אמאהל מאכען טעות'ן ובפרט נאך, ווען עס האנדעלט זיך וועגען אזא אונזיכערער פאליטיק, ווי די פון רוסלאנד.

און מעג רוסלאנד, וויפיעל מאהל ערקלעהרען, אז זי שטעהט פעסט און ענטשלאסען, פארצוזעצען דעם קאמפף, ביז וואנען די רוסישע ארמיי וועט אריין אין בערלין, קען מען אויף איהרע הבטחות ווייניג בויען, ווייל דארטען ווענדעט יעצט אן די רעאקציע אלע מיטלען, אבי צו ראטעווען איהר עקזיסטענץ.

אינ'ם קאמף פאר'ן דאזיין, זענען אלע מיטלען הייליג, און די רוסישע ביוראקראטיע ווענדעט עס יעצט אן ביז'ן סוף, און דארום איז גאנץ לייכט צו מאכען טעות'ן וועגען דער רוסישער ווירקליכקייט.

ניטא זיך מיט וואס צו פרעהען

די רעגיערונג פון אונזער פראווינץ אנטאריא האט בעקאנט געמאכט אז אנפאנגענדיג דעם ערשטען נאוועמבער, וועלען אלע 1400 סאלונס פונ'ם פראווינץ זיך מוזען שליסען אכט אזייגער אין אווענד, אנשטאט, וואס די שענקען זיינען אפען ביז עלף. דיעזער מאסרעגעל, ווערט ערקלעהרט, ווערט אנגענומען, ווייל די בעפעלקערונג דארף אין אזא מלחמה־מאמענט, ווי דער יעצטיגער, עקאנאמיזירען, ווייניגער טרינקען, און בכלל פיהרען א זויבערען לעבען.

אין מאנכע קרייזען, וואו מען האט עס געמאכט פאר אן אישו, ווערט דאס בעטראכט אלס דער ערשטער זיעג, ווייל אבוואהל, די פעראָרדנונג איז נאר ארויסגעגעבען געווארען ביז איבער דער מלחמה, האפען זיי אז עס וועט שוין בלייבען אויף תמיד אין קראפט.

פון דער צווייטער זייט, צייגט זיך אין די ארבייטער קרייזען ארויס א געוויסע געגנערשאפט צו דעם, ווייל זיי גיבען אן, אז דאס וועט רויבען ביי פיעלע ארבייטער פון די ברויערייען זייער בעשעפטיגונג, און אזוי וועט פערגרעסערט ווערען די ארמיי פון ארבייטסלאזע.

אלס אידישע בירגער, האט אונז דיעזע אישו גאנץ ווייניג געקימערט, צי די סאלונס וועלען געשלאסען ווערען מיט עטליכע שטונדען פריהער אדער ניט.

אויף בכלל אבער, דיעזע אישו האט א שייכות מיט'ן אלגעמיינעם אינדוסטריעלען צושטאנד פונ'ם פראווינץ, דארף זי אונז גראדע יא אינטערעסירען.

קיין געגענד, וואו עס הערשט „טרוקענהייט" צייכענט זיך ניט אויס מיט בעזונדערן רייכטהום אדער אינדוסטריעלע אויפלעבונג. אין מאנכע פלעצער ברענגט עס גראדע מיט זיך א רעאקציע.

דער זיעג פון פראהיבישאן, איז דארום אזעלכער, מיט וועלכען מען דארף זיך ניט איבעריגענס פרעהען.

זאלען זיך פרעהען די גלחישע קרייזען מיט דיעזען זיעג, די עטליכע שטונדען, וואס די סאלונס וועלען פריהער געשלאסען ווערען, זענען לא מעלין ולא מורידין, און עס וועט דארום אוועקגעהן אונפערענדערט.

טאראנטא איז פאר איין קאנווענשאן

אבוואהל די 10־ער קאמיטע האט מיטוואך אווענד ניט געקענט קומען צו א בעשטימטען פלאן וועגען א פאראייניגטע קאנווענשאן, און געמוזט די פראגע איבערלאזען צו מאנטרעאלס ענטשיידונג, זענען אבער דאך אלע איינשטימיג געוועזען אויף איין פונקט, אז עס טארען קיין צוויי קאנווענשאנס ניט פארקומען, און אז עס מוז בלויז איין קאנווענשאן פארקומען.

טאראנטא האט זיך אלזא פאראייניגט, עס בלייבט פאר די אידען פון מאנטרעאל צו קומען צו א פערשטענדניס, אום די כחות זאלען ניט צושפאלטען ווערען.

ירושלים ערב מלחמה

נאך פיעלע הינדערניסען און שרעקעניסען איז מיס ענניע ע. לאנדו, די טיכטיגע אויפזעהערין פון דער עוועלינא ראטשילד שול אין ירושלים, אנגעקומען צוריק אהיים נאך לאנדאן, און אין א פארטראג וואס זי האט געהאלטען פאר דער אנגלא־רזשואיש אסאסיאיישאן, האט זי ענטווארפען א העכסט ריהרענדעס, א הערליך־טרויעריג בילד פון די צושטענדע אין ירושלים ווען טערקיי איז אריין אין דער מלחמה, עס איז שווער צו לעזען דיעזע שילדערונג, וואס איז אזוי טיעף דורכגעדרונגען פון ליעבע צום לאנד, צו די אידישע קינדערלאך, צו דער העברעאישער שפראך און אונטערדריקען די טרעהרען וואס שטייגען ארויף צו די אויגען.

אויסציגע פון דיעזען גלענצענדען פארטראג, וואס מיר נעהמען פון לאנדאנער „רזשואיש כראניקל" איבערזעצען מיר דא פאר אונזערע לעזער:

דא אין לאנדאן האב איך מיין מוטער, מיינע שוועסטער, מיינע ברידער, טהייערע קרובים און ליעבע פריינד, וועלכע זיינען צו מיר נאך מעהר ווי גוט; אבער צייטענווייז דיינק איך אז דאס ביינקען קיין ירושלים איז מעהר ווי איך קען אויסהאלטען. איך בין געשטאנען אין אלעקסנדריא צוויי לאנגע מאנאטען סאמע ווען דער קלימאט איז געווען אמערגסטען, האפענדיג פון שטונדע צו שטונדע, פון טאג צו טאג, אז דער גאנג פון די פאסירונגען וועט אונז באלד ערלויבען זיך צוריק אומצוקעהרען. „ארץ אבותינו", דאס לאנד פון אונזערע פאטערס — שוועסטער און ברידער אין ישראל! — דערפיהלט איהר נישט הערביי איין אנגענעהמען שוידער? שטעלט זיך אייך נישט דערביי עפעס אין האלז און קומען ניט קיין טרעהרען אין אייערע אויגען ווי אין מיינע? בעוועגט עס ניט יעדער איינער פון אייך אויסצושפרייטען די הענד מיט א געבעט צו גאט אין הימעל, ווי איך האב געטהאן יעדען טאג זינט איך בין פון דארט אוועק, מיט א תפלה: „אה גאט אויף ווי לאנג נאך?" „אה גאט לאז מיך געהן צוריק!"

— ארץ אבותינו: דאס לאנד פון אונזערע פאטערס — יעדער טהייל דערפון מיט זיין אייגענעם זאנדערבארן צויבער, די גראבע פעסטקייט פון יהודה וואס גיט צו פערשטעהן דעם אונבויגזאמען כאראקטער פון דעם פאלק וועלכעס עס האט ארויסגעגעבען, די פריהלינגס־צייט כוואליעדיגע פעלדער מיט קארן און וואונדערבאר שעהנע בלומען וואס אטהעמען געפיהל גלאנצענדיג אין דעם וויכליכען שמייכעלדיגען ים כנרת, דער ים פון גליל... אשרי עין ראתה! — גליקליך איז דאס אויג וואס האט די אלע זאכען געזעהען — מעגען מיר זאגען אויף דעם לאנד פון אונזערע אור־עלטערען אפילו נאך היינט, און — בעהיטע גאט! — ווען איך זאל מעהר ניט קענען פאהרען אהינצו, וועט זייער איינפלוס מיר קיינמאל נישט אפלאזען.

איהר האט געדארפט הערען וועגען דיעזען קריעגס־יאהר אין ירושלים, אפילו נאך איידער טערקיי האט גענומען א ווירקליכען אנטהייל אין דער מלחמה זיינען מיר אין ארץ ישראל שוין געווען פאראליזירט. אזוי שנעל ווי די מלחמה האט אויסגעבראכען אין אייראפא האבען די ביינק שוין ניט געקענט טהון קיין ביזנעס; זיי האבען שוין מעהר ניט געקענט אויסצאהלען צו זייערע קליענטען, וועלכע האבען מיט זיי געפיהרט גרויסע בייניקינג אקאונטס און, זעלבסטפערשטענדליך, האט די אידישע באנק מעהר ניט געקענט בייישטעהן די קאלאניעס, וועלכע האבען מיט זייערע ווייינגערטנער, אראנדזשעס, מאנדלען און אליוום געהאלטען אין ארויפארבייטען זיך צום ערפאלג. אין ירושלים, וועלכע מיט איהרע זעכציג טויזענד אידען אין א בעפעלקערונג פון 120,000, מיט איהרע געפאקטע ישיבות, מיט איהרע גערייכטע אידישע סקוהלס, מיט איהרע מאדערנע אידישע האספיטעלער און אידישע וויסענשאפטליכע לאבאראטאריומס, איז — טראץ דעם וואס עס פעהלען ריכטיגע אינדוסטריעס און טראץ דער אונגעהייערער צאהל מענשען וואס זיינען אנגעווארפען אויף טשאריטי — דער מיטעלפונקט פון אלע אידישע בעוועגונגען אין ארץ ישראל, האט דאס פלוצלונגע שטעהן בלייבען פון דער הילף פון דרויסען געמאכט זעהר שלעכט. אזוי ווי דראפטס אויף די אייראפעאישע בענק האט מען נישט געקענט אויסבייטען זיינען א סך מענשען וואס קריגען געלד פון זייערע קינדער אין אנדערע לענדער אריינגעפאלען אין א פערצווייפעלטע לאגע און גרויס נויטה.

נאר שרעקליכער איז געווארען די לאגע ווען טערקיי איז אריין אין דער מלחמה. די קאלאניסטען האבען געמוזט אוועקגעבען זייערע פערד, זייערע וואגענס, זייערע אקסען און קיה, זייערע ארבייטער און — אפשר די שטארקסטע וואונד פון אלע — די פייפס מיט וואס זיי בעוואסערען די פעלדער און וועלכע פיהרען די וואסער צו די אראנדזש גערטנער. אין ירושלים האט מען אוועקגענומען יעדער פערד פון קערידזשעס און יעדער שטיקעל אייגענטהום וואס האט געהערט צום שונא'ס אונטערטהאנער האט מען צוגענומען. דאס אייגענטהום פון דער עוועלינא דע־ראטשילד שוהלע איז געווען די איינציגע אויסנאהם. גאנץ שנעל איז פאלעסטינא געווארען ווי א פערקארקעוועטע פלאש. עס איז נישט געווען קיין מיטעל ווי אריינצוברייגען שפייז און אנדערע נויטהווענדיגקייטען. יעדען טאג זיינען די פרייזען געשטיגען שרעקליך, און עס איז געווען איין אמת'דיגע קאטאסטראפע אפילו פיר דעם רייכסטען עפענדי צו צאהלען פיערציג פיאסטער (אן ערך פון א דאלאר און א האלב) פאר זעקס פונט צוקער. באלד איז די גאנצע שטאדט געבליבען אהן טהעע, אהן קאפע און אהן צוקער. פינס, נאדלען, קנעפ, פאדעם, בהומס, שוועבעלאך, מיט איין ווארט אלעס וואס מיר קריגען פון דער פרעמד איז נישט געווען צו קריגען. — פעטראליום האט זיך נאך געפונען א היבשע צאהל און מען האט פערקויפט פון צעהן ביז זעכציג פראנק א באקס, נאר די שטאדט רעגיערונג האט עס ארויסגעריסען פון די ספעקולאנטען'ס הענד און האט פערקויפט צו ארימע לייט פאר צוועלף פראנק א באקס, נאר די מיליטערישע רעגיערונג האט עס באלד אוועקגענומען פאר זיך. אויף פסח האט מען די ספרדים ערלויבט צו קויפען זיעבציג באקסעס פעטראליום, און די אשכנזים נאך מעהר — 250 באקסעס און עס איז געווען א זעלטענע זאך צו בעטראכטען די לייטס פון טויזענד מענשען מיט קליינע קענס און פלעשלאך, ווארטענדיג אויף זייער נעקסט צו קריגען די קעראסין אין די סטארס וואס מען האט געעפענט צו דיעזען צוועק. קיינער וויל דאך ניט זיין די „סדר־נאכט" אין דער פינסטער.

מאנאטען לאנג האבען מיר געפאסט צו צוויי טעג א וואך, מאנטאג און דאנערשטאג. קליינע קינדער פון פינף יאהר האבען אויך געפאסט, זיי האבען ניט אנדערש געוואלט; אין דיעזע תעניתים האבען מיר צוויי מאהל אין טאג געזאגט „אבינו מלכנו"; די הארטע טענער פון דעם שפר האבען זיך געלאזט הערען פריה־מארגען אויף פריהמארגען; צייטענווייז האט אונז געשיינט אז מען הערט אונז גאנץ אויבען און מיר האבען געטהאן אונזער טעגליכע פפליכט שטיל און פול מיט האפנונגען . . . עס זיינען געווען בעריכטען דאס די אידען פון די קריעגרישע לענדער אין ארץ ישראל זיינען שלעכט בעהאנדעלט געווארען. עס איז נישט געווען אזוי, בלויז איין קורצע צייט — ענדע דעצעמבער און אנפאנג יאנואר — איז געווען איין אויסנאהמע און דאס איז אויך געווען נאר אין יפו. ירושלים האט עס געפיהלט נאר א ביסעל. זעלבסטפערשטענדליך אז אין א לאנד ווי טערקיי ווענדעט זיך אלעס אן דעם פערזענליכען כאראקטער פון די בעאמטע וואס האבען צו שאפען. דער גובערנאטאר אין יפו האט געזוכט אנצוטהאן די אידען צרות וואו ער האט געקענט. „הינטישער זוהן" אזוי האט ביי איהם יעדער איד געהייסען. דאגעגען איז זעקי בעי, דער עדעלמאן וואס האט געהאט צו שאפען אין פאלעסטינא ווען די קריעג האט אויסגעבראכען און וועלכער האט רעזיגנירט פון זיין אמט איבער פאליטישע אינטריגעס. איז געווען איין אמת'ער אוהב ישראל און דער דיקטאטאר פון פאלעסטינא און סיריען, דער מעכטיגער דזשעמאל פאשא אליין, איינער פון די דריי מענער וואס הערשען איבער טערקיי'ס שיקזאל די לעצטע עטליכע יאהר, איז איין עהרליכער און גוטהערציגער מענש, האטש דאס יודענטהום בכלל און ציוניזמוס אין בעזאנדערס האט מען פאר איהם שלעכט ערקלעהרט און דורכדעם אירטהיילט ער צייטענווייז איבער אונז צו שטרענג. פונדעסטוועגען האט ער מיר ערקלעהרט אז דער בעפעהל דאס די אידען פון די קריעגגערישע לענדער זאלען ווערען טערקישע בירגער איז א ספעציעלע הנחה פיר אידען. קריסטען אזעלכע ווערען געטריבען און מען ערלויבט זיי ניט צו ווערען קיין טערקישע אונטערטהאנען. אום צו איבערצייגען זיין פריינדליכקייט צו די אידען האט ער מיר דערצעהלט אז צוריק מיט עטליכע יאהר איז ער אנוועזענד געווען צו א באלל וואס די אידען אין קאנסטאנטינאפעל האבען פעראנשטאלט פיר דעם בענעפיט פון דעם דארטיגען אידישען האספיטאל, און די סומע געלד וואס איז געזאמעלט געווארען איז געווען דריי מאל אזוי פיעל ווי עס איז געמאכט געווארען די זעלבע וואך ביי אנאנדער באלל וועלכער איז פעראנשטאלט געווארען פון דעם קאנפערענץ צום בענעפיט פון דער „רויטהער האלבער לבנה".

איך האב זיך בענוצט מיט דער געלעגענהייט און איהם געבעטען צו ערלויבען די אידען וואס ארבייטען צו מאכען די טערקישע אייזענבאהן, צו היטען אונזער שבת. ער האט געקנייטשט דעם שטערן און געענטפערט, אז עס איז קריעגס־צייט.

„איך ווייס עקסעלענץ, אז דיעזע מענער זיינען אין דער קאמפף ליניע. לאזען זיי ארבייטען עטוואס מעהר יעדען טאג — אויב מען מוז — אבער פיר אונז אידען איז א שרעקליכע זאך צו פערשוועכען דעם שבת, ער געהערט צו גאט".

„יא, זאגט ער, אבער געוויס קען זיי דער חאחאם־באשי, ארויסגעבען א היתר".

„ניין, עקסעלענץ; קיין חאכאם־באשי קען ניט שטעהן צווישען דעם אידען און זיין גאט".

„וואס וואלט א י ה ר געטהון ווען איך בעפעהל אייך צו פערשוועכען אייער שבת?"

„איך קען אייך ניט פאלגען, עקסעלענץ".

„ווי אבער אז איך וועל בעפעהלען מען זאל אייך שיסען פאר אונגעהארכזאמקייט? איהר זיינט אונטער קריעגס־געזעץ". און זיינע שטרענגע אויגען זיי־געזעץ". און זיינע שטרענגע פארשענדע אויגען זיינען געווען אנגעשטעלט אויף מיר.

„נון, דאן וועט איהר מיר שיסען. קיין איד וועט נישט דיינקען וועגען זיין לעבען ווען מען פערלאנגט ער זאל מחלל שבת זיין איבער א בייזע מחשבה", האב איך געענטפערט געלאסען.

ער האט געלאכט. דאן האט ער א זיפץ געטהאן און געזאגט: „ווי ליעב איהר האט אייער רעליגיאן!" און איז פלוצלונג ארויס פון צימער.

ווען ער איז צוריקגעקומען האבען מיר זיך פארבערייטעט צו געהן און איך האב איהם מיט איין אונרוהיגען הארצען געפרעגט:

„וואס איז מיט דעם שבת, עקסלענץ, וועט איהר ניט געבען קיין בעפעהל אז די אידען זאלען האלטען שבת".

„דער בעפעהל איז שוין געגעבען", האט ער מיר פריינדליך געענטפערט.

ער האט ליעב געהאט מיר אויסצופרעגען וועגען יודענטהום און די אידען, און האט שטארק הנאה געהאט זיך צו רייצען מיט מיר זאגענדיג גראבע זאכען וועגען זיי.

ווען זי האט געבעטען מען זאל איהר ערלויבען צו בלייבען אין ירושלים, און ער איז שוין דאמאלס געווען אין דמשק, האט ער טעלעגראפירט פון דארט אז זי זאל ווערען א טערקישע אונטערטהאן. זי האט זיך ענטזאגט, דאן האט ער געזאגט אז נאך דער מלחמה מעג זי וויעדער קומען.

ביז די מלחמה האט אויסגעבראכען פלעגט ער אפט בעזוכען איהר שוהלע. די עוועלין ראטהשילד מיידכען שוהלע און די קינדער פלעגען זיין היימיש מיט איהם, פלעגען כאפען זיינע הענד און זיין שווערד וואס הענגט אויף זיין זייט, אהן דער מינדעסטער פורכט.

האט ער געפרעגט א פיער יעהריגע מיידעלע אויב זי ווייסט ווער ער איז. איך האב איהר געמוזט איבערזעצען די פראגע, ווארום די ערשטע צוויי יאהר לערנען מיר זיי גארנישט אויסער העברעאיש. "בתי יודעת את האדון הזה," — "כן גברתי", האט די בייבי געענטפערט. „אדוני גמל הגדול".

שרעק און אנגסט האבען זיך אויסגעדריקט אויף די פנים'ער פון אלע אנוועזענדע גרעסערע קינדער. איך בין געווארען רויט און האב געציטערט אין מיינע שיך, און דאך האט זיך מיר געגלוסט לאכען. ווי זאל איך עס איבערזעצען פאר דעם מאן וואס גאנץ פאלעסטינא און סיריען ציטערט פאר איהם? דאס קינד האט כסתמא געהערט פון א באי וועלכער האט איהם אזוי אנגערופען הינטער די אויגען. — „דזשעמאל" אויף טערקיש הייסט „דער שעהנער" אויף טערקישער בוכשטאב „דזש" איז דער אידישער „ג", אבער דאס ווארט „גמל", מיינט קאמעל. און אזוי ווי אין ירושלים זיינען געווען צוויי דזשעמיל פאשא, דער אנדערער איז געווען קאמענדאנט נאר איבער דער שטאדט האט די אידישע יוגענד געוואוסט „דזשאמאל הגדול און דזשאמאל הקטן".

— איך וואלט דאך ניט געקענט זאגען „מיין האר איז א גרויסע קאמעל". די פערלעגענהייט איז אונטערבראכען געווארען דורכדעם וואס מען האט אריינגעטראגען קאפע און קליינע קאפעלאך וואס אז מען דערלאנגט איינע צום בעזוכער מיינט עס אז מען ערלויבט איהם אוועקצוגעהן. איך בין אין דער גיך צוגעגאנגען און האב גענומען די קאפ פון דער טאץ, אין דער צייט האט ער ניט געווארט אויף מיין ענטפער, נאר איז ארומגעגאנגען און געלאזען די בייבים קושען זיין האנד און האט זיי געלעט אויף זייערע שטערנס, די אריענטאלישע מאדע צו ענטפערען א בענטשונג.

אזוי ווי איך בין געשטאנען אין דעם קליינעם שיפעל ביים ברעג פון יפו, ווארטענדיג מיט אונגעדולד אויף 'עם גרויזאמען יפו'ער קאמענדאנט צו בעשליסען צו זאל ער לאזען דעם אמעריקאנער קאנסיל געהן אויף דער שיף מיט מיר — האט א גוטער פריינד, וועלכער איז געווען איינער פון דער פארטיי וואס האט מיך בעגלייט פון ירושלים, אויסגערופען צו מיר:

„הנה לא ינום ולא יישן שומר ישראל!"

— און איך האב זיך דערפיהלט שטארק און האב אויסגעשריען צוריק:

„אם אשכחך ירושלים תשכח ימיני!"

ברידער און שוועסטער פון ישראל! זאל דיעזע פראזע וועלכע איז א טרויריג געזונגען געווארען אין דעם ערשטען גלות פון אונזער לאנד, נישט קלינגען געדאנקלאז אין אייערע אויערען. „אויב איך וועל דיר פערגעסען, ירושלים זאל מיין רעכטע האנד פערגעסען ווערען".

איבערזעצט פון אלופאנזא.

Satisfying
SPECIAL
THE O'KEEFE SPECIAL EXTRA FINE ALE
O'Keefe's
עס איז לייכט, מילד און צופריעדענשטעלענד, שטארק אין פאזיטיווע שפייז ווערטהען — נאהרהאפטיג און ערפעטענד — א מילדער, עדעלער אויפרעגער.

געברייט אין א מאדעל ברועריי. כדי צו ענטשפרעכען דעם געברויך פון דער היים — די פאמיליע — דעם אטלעט — אדער וועמען עס איז וואס נויטיגט זיך אין א שפייז־טאניק.

„דאס ביער וואס איז
תמיד א. ק."

ארדערט א קיים פון אייער
דיעלער היינט.

קאוואנ'ס
אבער
שאקאלאטס

Little Miss MAIDEN CANADA

אייערע פריינד, אלע
ליעבען שאקאלאט
פיללינגס

אמעריקא און פאלאסטינא

וואס אמעריקא האט געטהון און קען טהוען פאר ארץ ישראל.

טהייערע ברידער און שוועסטער! —

מיר ווייסען אלע זעהר גוט, אז מיר אמעריקאנער אידען האבען ניט געטהאן אונזער גאנצע פפליכט צו אונזערע אונגליקליכע ברידער און שוועסטער אין די מלחמה לענדער. די גרויסקייט פון דעם אונגליק איז פיעלייכט אונזער איינציגע שוואכע ענטשולדיגונג, וואו די רעטונג פאדערט איבערמענשליכע כחות, לאזען זיך געוויעהנליך אראב די הענד.

נור איין הילפס־ארבייט האבען מיר געטהאן מעהר אדער ווייניגער בשלמות און מעגען זיין שטאלץ אויף איהר. מיר האבען געראטעוועט די אידען אין ארץ ישראל ביז היינט. אהן די הילף פון די אמעריקאנער אידען וואלטען זיי אונטערגעגאנגען. עס וואלט חרוב געווארען דער אלטער ישוב, וואס אפילו אין רוהיגע צייטען עקזיסטירט ער אויף צדקה, וועלכע איז דורך די מלחמה כמעט אין גאנצען אבגעשניטען געווארען, און עס וואלט אויך חרוב געווארען דער נייער ישוב מיט אלע זיינע שעהנע אידישע אינסטיטושאנס, וועלכע זיינען דער שטאלץ פון גאנצען אידישען פאלק.

א דאנק דער פרייגיביגקייט פון די אמעריקאנישע אידען איז אונז געלונגען איבערצושיקען אין ארץ ישראל אין ערשטען מלחמה־יאהר, פאר רעליעף און פאר די ציוניסטישע שולען און מוסדים און פאר אנדערע צדקה־אנשטאלטען $230,000 און פאר יחידים — געשיקט פון זייערע קרובים — $162,000. יעדער סענט וואס איז אריינגעקומען אין ארץ ישראל אונטער דיעזער צייט דארף בעטראכט ווערען אלס רעליעף. די אויסהאלטונג פון שולען בעשטעהט אין פערזארגען די לעהרער און תלמידים מיט עסען הלוואות צו קאלאניסטען, מיינט שאפען ארבייט און ברויט פאר הונגערטע אידישע ארבייטער, און אזוי ווייטער. אזוי איז עס געלונגען. דורך פארזיכטיגע און שפארזאמע פערטהיילונג פון די אויבען דערמאהנטע געלדער צו רעטען די ארמע בעפעלקערונג פון הונגער־טויט, און אויפצוהאלטען כמעט אלעס, וואס דער אלטער און נייער ישוב האבען געשאפען.

אבער דיעזעס געלד איז שוין פערברויכט און די לאגע אין ארץ־ישראל ווערט מיט יעדען טאג שווערער. אויסער דער מלחמה האט דער היישעריק דארט געמאכט גרויסען שאדען. אהן אונזער הילף מוזען די אידען אין ארץ־ישראל פערהונגערען.

די שוהלען פאר די קינדערלאך, די צדקה אנשטאלטען פאר די אלטע, בלינדע און קראנקע און אלע אנדערע גויטיגע אינסטיטושאנס מוזען אויפגעהאלטען ווערען. דערצו זיינען נויטיג נייע געלד־מיטעל, בעדייטענדע געלדמיטעל.

מיר, ציוניסטען, האבען זיך בעטהייליגט, און בעטהייליגען זיך עד היום. אין יעדער הילפס־ארבייט פאר די מלחמה ליידענדע פון אלע לענדער. אין פיעלע שטעט איז די אלגעמיינע רעליעף ארבייט איבערגעלאזען געווארען כמעט נור אויף ציוניסטישע הענד. מיר טהוען אונזער חוב לויט מעגליכקייט צו אלע אונזערע ליידענדע ברידער אין דער גאנצער וועלט. ארץ־ישראל אבער, מיט איהר גאנצען אידישען ישוב, איז אונזער ספעציעלע אויפגאבע, און מיר אפעלירען דארום צו אייך, ליעבע ברידער און שוועסטער, ניט צו לאזען פאלען די אידישע בעפעלקערונג אין ארץ ישראל, וועלכע איז אזוי גוט ווי אבגעשניטען פון דער וועלט און האט פון קיינעם קיין הילף צו ערווארטען, אויסער פון אונז אמעריקאנער אידען.

לאזט ניט ארץ ישראל מיט אלע מוסדים חרוב ווערען נאכדעם ווי איהר האט זי אויפגעהאלטען א גאנצען יאהר, לאזט ניט איהרע ארעמע אויסגעהן פון הונגער, נאכדעם ווי איהר האט זיי א יאהר געשפייזט. זייט אזוי פרייגעביג ווי ביז יעצט, ענדיגט די גוטע ארבייט, וואס איהר האט אנגעפאנגען און האט די מאראלישע צופריעדענהייט צו וויסען, איהר האט גערעטעט ארץ ישראל.

מיט האכאכטונג וברכות ציון,
פראוויזארישער ציוניסטישער קאמיטעט
לואיס ד. בראנדייס, טשערמאן.
ע. וו. לעווין־עפשטיין, טרעזש.
מאכט אויס אייערע טשעקס צו:
ע. וו. לעווין־עפשטיין, טרעזש. 4
איסט 23־טע סטריט ניו יארק.

— 0 —

נ. ב. — אויב איהר ווילט שיקען געלד צו אייערע קרובים אין ארץ ישראל אדער פאר בעשטימטע צדקה־אנשטאלטען, קענט איהר עס אויך שיקען צו אונז, און מיר וועלען עס פאר אייך איבערשיקען אהן עקספענסעס פאר אייך.

מורא'דיגע נקמה

פון קאטול מענדעס.

אין א שטאמלען, וואס האט מיט יעדער זילבע איבערגעריסען זיינע גסיסה־קרעכצען, האט דער שטארבענדער געפרעגט:

— ביזט ... דא ... גליעב—טע פרוי?

— יא, מיין פריינד

— גוט ... גוט ... דו ... ביזט. דא ... גוט ...

ער האט געפרואווט זיך אומדרעהען, כדי זי צו קענען גוט אנקוקען. אין צימער איז געווען דונקעל; אויפ'ן בעפעהל פון דאקטאר האט מען ניט אריינגעלאזט אהין דאס ליכט פון טאג. בלויז א קליין לעמפעלע האט געווארפען א מאטען שיין, אזוי ווי מען וואלט געוואלט דעם שטארבענדען צוגעוואוינען צו דער פינסטערניש פונ'ם קבר. און דארט, צוקאפענס פונ'ם בעט, האט געקניעט די יונגע פרוי, זעהר שעהן אין איהר ווייסען הויז־קלייד (מארגען, אין איהר טרויער־קלייד, וועט זי נאך שעהנער זיין): און דערביי איז איהרע האאר ניט געווען פערקאמט, און זי האט געהאט א פייכטען בליק, א פערצווייפעלטען שמייכעל אויף די ליפען, אן אומעטיגקייט אין דער האלטונג, — אלע די סימנים, וועלכע זיינען לויט דער איבערצייגונג פון די פרויען, גענוג צו מאכען אויף יעדען איינעם דעם איינדרוק פון אמת'ן אויפריכטיגען טרויער.

ארויפלייגענדיג זיין לאנגע, אבגעצעהרטע האנד אויף איהר הענטעל און אנטאפענדיג דאס הייראטס־רינג ביי איהר אויפ'ן פינגער, האט דער שטארבענדער ווייטער געשטאמעלט:

— דער דאקטאר ... ווייסט ... אז איך — בין ניט — קיין פייגלינג — ער האט מיר ... דעם אמת ... געזאגט... איך וועל ... באלד ... שטארבען.

— אה, מיין פריינד!

— ס'איז ... אויס.

— ניין! ניין!

זי האט זיך צוואויינט אויף א זעהר געשיקטען אופן. אבער דא האבען זיינע בלייכע ליפען א צוק געטהאן מיט א מינע פון פעראכטונג, ווי איבער דאס שפיעלען פון א שוישפיעלער, וועלכער נעהמט ניט גוט זיין ראלע און פערשטעהט ניט, ווי צו בעהאלטען דעם „אקטיאר'' אין זיינע בעוועגונגען.

— יא, דער סוף. איך האב ... דיך ... געשיקט ... רופען ... ווייל איך ... האב מיט דיר ... עפעס ... צו ריידען.

ער האט טיעף אבגעאטהעמט, און אין איין צוג — פיליכט דעם לעצטען — האט ער ארויסגעשאסען מיט די ווערטער:

— כדי דיר צו דערמאהנען אן דיינע פערברעכען, אן אלע דיינע פערברעכען, און כדי צו נהמען פון די נקמה ... א מורא'דיגע נקמה.

זי האט זיך דערשראקען. און עס איז ניט געווען קיין געמאכטער שרעק. מען האט שוין געהערט פון שטארבענדע, וועלכע האבען מיט די לעצטע כוחות זייערע אימיצען דערווארגען. „מיין גאט! מיין גאט, וואס ווילט איהר?'' האט זי אויסגערופען און האט אבגעטראטען צוריק. אבער ער האט זי אנגעכאפט און זי געצוואונגען זיך אנידערצוזעצען אויפ'ן בעט וואו ער האט זי געהאלטען פעסט.

און אצונד האט ער אנגעהויבען ריידען, גאנץ קלאהר און דייטליך.

2.

— בעת מיר זיינען נאך געווען חתן כלה, ביי דיין מוטער אין שלאס, פלעגסט דו, ניט קוקענדיג וואס דו ביזט שוין דאן אלט געווען זיבעצעהן יאהר, זיך אמוזירען נור מיט קינדערשע שפיעלרייען. אז איך פלעג אומגעריכטערהייט אריינקומען אין סאלאן, פלעגסט דו כאפען דיין פופע און אנטלויפען. איבער דעם טויט פונ'ם קליינעם קעצעלע האסטו געקענט אבוויינען דעם גאנצען טאג. מיט אונשולדיגע בלויע אויגען פלעגסט דו בעטראכטען די פייגעלעך אין זייער שטייגעל; אז זיי האבען זיך געשנאבעלט, פלעגסט דו אין דיין אונשולד ניט אבקעהרען דעם קאפ פון זיי. איינמאל האסט דו מיר געזאגט: „ס'איז דאך אזוי מאדנע חתונה צו האבען מיט א מאן. איך וואלט ליעבערשט געהייראטה מיט מיין קליין שוועסטערל''. אזוי אז מען האט מיך שיער ניט געטאדעלט דערפאר וואס איך וויל ארויפצווינגען די ברוטאליטעטען פון דער הייראטה אויף א קינד, וואס ווייסט גארנישט און וואס וועט זיך אויף א גרויזאמען אופן דערשרעקען, ווען עס וועט געוואהר ווערען...

איהר שרעק איז פערביי. ער האט פריהער גאנץ איינפאך גערעדט פון היץ, איצט איז ער רוהיג געווארען; און האלטענדיג ביים שטארבען האט ער הנאה דערפון זיך צו דערמאהנען אן די שטונדען פון זיין יונגען גליק.

— וואס ווילט איהר, מיין פריינד — האט זי געזאגט. — איך בין געווען אביסעל לעכערליך מיט מיין קינדערשע בענעהמונג; ס'איז ניט געווען מיין שולד. דיא ערציהונג אין קלויסטער איז זעהר שטרענג, מען טאר קיין בוך ניט לעזען און זאגאר פון די שול־געזאנגען ווערט דאס ווארט ליעבע אויסגעמעקט.

אבער ער האט איהר איבערגעשלאגען די רייד:

— שווייג, דו האסט ליגען געזאגט! אלעס אין דיר האט געליגט! און אזוי אונגעשיקט, אז איך בין אויף קיין איין רגע ניט גענארט געווארען פון דיינע היפאקריטישע שטיק. ס'איז מערקווירדיג, ווי וויט די פרויען שפעקולירען אויף דער דומהייט פון די מענער, אז זיי וואגען מיט אזוי ווייניג שארפזיניגקייט אונז צו וועלען אבנארען. וואס זשע, איהר מיט אייער מיטעלמעסיגער פערשטעלונגס־קונסט בילדעט זיך א פנים איין, אז מיר האלטען אייך פאר אזעלכע, ווי איהר צייגט זיך כלומרש'ט אין אייער אפענער אונפערשעהמטקייט? טו זייט אלזא וויסען, איהר נארישע בריאות, אז פאר אייערע טריאומפען, מיט וועלכע איהר בעריהמט זיך, האט איהר נור צו פערדאנקען אונזער צושטימונג צו אייערע כיטרעקייטען. און כדי זיך נוקם צו זיין אן דיר פאר דיינע ליגענס, וויל איך דיך ארויסרייסען פון דער איינבילדונג, אז דו האסט מיך גענארט. פון דער רגע אן וואס איך האב דיך דערזעהען, איז מיר מעהר קיין שום זאך ניט געבליבען פערבארגען פון די נידריגע בעגעהרען און אינסטינקטען, וועלכע האבען ארויסגעקוקט דורך דער איבערטריבענער אונשולד פון דיינע אויגען און דיין שמייכעל. דיין אונשולד איז גראד דורך איהר איבערטרייבונג פערלייקענט געווארען. דו האסט איבערגעטראטען די גרענעצען! דו ביזט געווען אונוואהרשיינליך. דיין אונוויסענהייט אין די הייראטס־זאכען האט בלויז בעשטעטיגט אז קיין שום זאך איז פאר דיר מעהר ניט געווען אומבעקאנט. און אפילו ווען איך וואלט — אין א בעגרינדעטען פערדאכט — ניט געעפענט די טהיר פון מיין צימער צום קארידאר פון שלאס, וואו איך פלעג שפעט ביינאכט הערען שנעלע טריט; אפילו ווען איך וואלט ניט געזעהן א ווייסען שאטען, וועלכער האט זיך געיאגט צו דיר אין צימער, — וואלט איך אויך — בלויז דורך די אונגלייבליכע און דומע צניעות, מיט וועלכער דו האסט געוואלט הייראטען מיט דיין שוועסטערל — געקענט טרעפען, אז דאן ווען אלע איינוואוינער פון שלאס, אויסער מיר זיינען שוין געשלאפען, פלעגט דיין קאמער־מיידעל, וואס האט פריהער געדיענט ביי אויסגעלאסענע פרויען אריינקומען צו דיר, זיך אוועקזעצען ביי דיר אויפ'ן בעט, און שטילערהייט, ביים שיין פון לאמפ, דיר פארלעזען א געוויסען סארט ביכלעך, און אז איהר פלעגט באלד, נאך עטליכע זייטלעך, אויפהערען צו לעזען...

זיא איז אויפגעשפרונגען מיט געשריי:

— דאס איז ניט וואהר! דאס איז ניט וואהר!

דאן האט זי אנגעבויגען דעם קאפ, און קריצענדיג מיט די ציינער פאר צארן, איבער די ענטדעקטע ליגענס מעהר נאך ווי איבער דער אויפגעוויזענער זינד, האט זי געזאגט:

— איבעריגענס, אויב דו האסט דאס געגלויבט אויף מיר, פארוואס האסט דו מיט מיר חתונה געהאט?

— אה, — האט ער געענטפערט, — ווייל דער מאן, ניט קוקענדיג דערויף וואס ער איז קליגער ווי די פרויען און קען זעהר גוט זעהן זייערע כיטרע שטיק, איז פונדעסטוועגען שוואכער פאר זיי, שוואכער דורך דער ליעבע. און איך האב דיך געליעבט.

זי נאך אימער צוהאלטענדיג פעסט, האט ער ווייטער גערעדט:

— די טעג זיינען אריבער. ס'איז געקומען די נאכט פון דער חתונה. ציטערענדיג האב איך דיך געטראפען אין דעם צניותדיגען בעט. און דו האסט פערגאסען הייסע טרעהרען, ווייל מיינע ליפען האבען געזוכט די דייניגע, ווייל מיינע ארעמס האבען דיך געוואלט צודריקען צו מיין הארץ, ווייל איך האב געדורשט נאך דער אונבעשרייבליכער פרייד, צו געניסען דיין גאנצע, פולע שעהנקייט. און דו האסט זיך געבעטען איך זאל דיך אבלאזען, דו האסט מיט געבעט געזוכט זיך ארויסצודרעהען פון מיר, זיך צודריקען צו דער וואנד, אה, מיין זיס, זיס ווייבעלע!...

זי האט געמיינט, אז גערירט דורך די דאזיגע זיסע ערינערונגען, האט ער אוועקגעווארפען זיין געמיינעם פערדאכט.

— יא, איך האב מורא געהאט, — האט זי געזאגט. — ס'איז געווען א מורא, אין וועלכער מיין צערטליכקייט האט אריינגעמישט זיסע האפנונגען. או זאין יענער אקט האסט דו, אכזר איינער, געמוזט איינזעהן, ווי פאלש דו האסט איבער מיר געאורטהיילט, ווי שטארק איך האב פערדיענט דיין פערטרויענס־פולע ליעבע...

אבער ער האט אויסגעשריען:

(שלוס פאלגט.)

געמאכט אין קענעדע

ענטוויקעלט אייער היים מארקעט

קויפט—

ווינדזארטיש זאלץ

נאטיצען פון דער ארבייטער וועלט

די היגע קלאוק־מאכער יוניאן האט לעצטען מאנטאג אבגעהאלטען אין מוזיקשען טעמפעל אן ארגאניזאציאנס מיטינג צוזאמען מיט ארגאנייזער וויינבערג פון ניו־יארק.

די הויפט פראגע איז געוועזען דער סטרייק ביי די קענעדער קלאוק קא., וועלכער שטעהט גאנץ גלענצענד. אלע אנוועזענדע האבען זיך פערפליכטעט צו שטיצען די סטרייקער פינאנציעל און מאראליש.

אין שיקאגא קומט יעצט פאר איינער פון די גרעסטע שניידער סטרייקס, און ווי געוועהנליך העלפען די קאורטס, פאליציי און גענגסטערס די באסעס. די סטרייקער האבען שוין גענוג אין זייערע רייהען פערוואונדעטע פון די פאליציי קלאבס און רעוואלווערן, ווי אויך טויטע.

דער סטרייק ווערט אנגעפיהרט פון דער אמאלגעמייטעד, און די ריקערט חברה סקעבען פשוט מיט זייערע יוניאן ביכלאך אין קעשענע.

ניט קוקענדיג אבער אויף דער גאנצער פערשווערונג, האבען שוין פיעלע מאנופעקטשורערס געסעטעלט מיט דער יוניאן, און עטליכע טויזענד ארבייטער האבען זיך שוין זיגרייך צוריקגעקעהרט צו דער ארבייט.

די גאנצע שיקאגער בעפעלקערונג סימפאטיזירט מיט די גערעכטע פאדערונגען פון די סטרייקענדע שניידער.

דער היגער טרייד און לייבאר קאנסיל האט לעצטענס שטארק געטאדעלט אייניגע פון זיינע דעלעגאטען, וועלכע האבען זיך בעטהייליגט אין א דעפוטאציע צום פרעמיער, מיט'ן צוועק, אז די סאלונס זאלען פריה געשלאסען ווערען.

דער קאנסיל פארבערייט אויך א פראטעסט געגען דעם „ליטעראסי טעסט'', וועלכען דער טריידס קאנגרעס פון וואנקאווער האט אנגענומען.

די לייבאר פארטי, די פארלאמענט קאמיטע, און די טרייד יוניאן קאמיטע פון ענגלאנד האבען ארויסגעלאזען אן אפיעל פאר רעקרוטירונג.

מאנטאג וועט אין אטאווא ערעפענט ווערען א קאנפערענץ פון פארשטעהער פון די פראווינציעלע רעגירונגען, מיט'ן צוועק צו פערהאנדלען וועגען שאפען ארבייט די סאלדאטען, וועלכע קעהרען זיך אום פון שלאכטפעלד.

ווען ארבייטער רעגירען.
אין אדעליידי, סויטה אויסטראליען

(פארטזעצונג אויף פייזש 6)

זייט קאלט קריטיש

דאן פערזוכט

Regal

SPELL IT BACKWARDS

און

איהר וועט ווערע

ווארים ענטוזיאסטיש

אויב אייער דיעלער קען אייך ניט סופלייען
טעלעפאנירט מיין 3681 אדער האמילטאן 439

THE HAMILTON BREWING ASSOCIATION, Limited,
Hamilton, Canada.

אויף מיין רייזע

— פון —

אב. גאלדבערג

ווען איך בין א טעריטאראליסט געווען האב איך אידיווידועל זיך מיט דעם שעהנעם חלום ניט געקענט שיידען. און איך האב דאס לאנד נאך ניט זוכה געווען צו זעהן, און ווער ווייס ווען איך וועל אמאל האבען דאס גליק?

און איך ווייס, אז קיינער איז אין דעם ניט שולדיג ווי איך אליין. מסתמא האב איך ניט גענוג געוואלט, ווארום שטעהט דען ניט ביי אונז: אויב איהר ווילט..?

זיי, די דאזיגע יונגע לייט, וועלען דארט זיכער זיין. אייניגע זיינען שוין דארט געווען און מיט די אויגען עס געזעהן, האבען עפעס פון יענעם הייליגען גלאנץ אין זייערע אויגען אויפגענומען.

איצט זיינען זיי זיך צוגויפגעקומען חתמנ'ען דעם קאנטראקט.

האט איהר אמאל געזעהן אין דער אלטער היים א פרומען סופר זיך נעהמען שרייבען א ספר תורה? גע'טובל'ט זיך פריהער, זעהט ער אויס הייליגער און מיט גרויס כונה איז ער מכין די פעדער און די טינט. יעדער ריהר איז פרייד, גדלות און הייליגקייט.

איך האב צוגעקוקט די סצענע פון דעם חתמנ'ען און האב זיך אין דעם פרומען סופר דערמאהנט.

איינער חתמ'ט — דער פרעזידענט טהוט די עבודת הקדש — און די אנדערע קוקען, רייבען זיך די הענד פאר נחת, די אויגען זיינען פייכטליך: די חתימה מיינט א שטיק וועג אפגעפאהרען. מען איז נעהנטער צום ציעל. דאס הענטעל און די פען זיינען שפאגעל נייע. דאס, הער איך, וועט מען איינראהמען. די פען איז הייליג.

ביי דער זייט זיצט אויף די פרוי פון איינעם פון די וואס גרייטען זיך אין וועג און איהר פנים שטראהלט.

זי איז אן אמעריקאנער געבוירענע, אבער זי איז פון איהר גאר פריהער יוגענד א ציוניסטקע, אויף אן אמת. און זי חלומ'ט וועגען אונזער לאנד, כאטש זי לעבט דא זיך גאנץ שעהן, מען קען זאגען רייך.

זי שטרעבט אבער אהין.

איך זיץ אין דער זייט און פרעג זיך אליין: פון וואנען האט זיך גענומען דער גייסט? טרעהרען קומען מיר צו די אויגען, און מיינע ליפען שעפטשען: שהחינו וקימנו והגיענו לזמן הזה.

ווען מען וואלט מיר געווען געגעבען דאס רעכט אויסצוקלייבען אין וועלכען דור איך זאל לעבען, וואלט איך ניט געווען אויסגעקליבען קיין אנדער דור ווי אונזערן.

7.

טאראנטא.

פון שיקאגא האב איך אזש א פאהר געטהון קיין טאראנטא. א גאנץ ווייטער שפרונג. האב אבער פון דער לאנגער רייזע הנאה געהאט.

עס איז געווען א שעהנער טאג. ארוי'ס געפאהרען בין איך ארום פיער א זייגער נאכמיטאג. די זון א גרויסע האט מילד און החבות'דיג געשפרייט איהרע שטראהלען אויף די פעלדער, דורך וועלכע דער צוג איז געלאפען.

מען רעדט אפט אין דער ליטעראטור וועגען די פריירים פון דער וועסט. אפט האב איך גערעכענט, שעהן ווי דאס ווארט קלינגט, איז אבער די פריירי ניט מעהר ווי א המצאה פון א פאעטישער פאנטאזי. במציאות אבער איז אזא זאך ווי פריירי ניטא. פאר איינעם וואס לעבט אין ניו יארק מיט איהרע ענגענדע בריקען, מיט איהרע אויף־די־דעכער פליהענדע באהנען, מיט איהרע „הימעל־קראצערס'' און אונטער דער ערד לויפענדע וועגען, מיט איהר געדריכטעניש און שטיקעניש, פאר איינעם וואס האט זיך צוגעוואוינט צום געדאנק אז גאנץ אמעריקא איז אקוראט ווי ניו יארק אדער עהנליך צו ניו יארק, איז עס באמת שווער צו גלויבען אז אמעריקא האט אזא זאך ווי פריירים.

גלויב יא גלויב ניט, עס איז אבער א פאקט. עס זיינען דא פריירים, און נאך וואסערע!

דער צוג לויפט און פאר דיינע אויגען וויקלען זיך פאנאנדער די ברייטע שטרעקען לאנד, טיעף אין גרינס פערזונקען, אונטער געדריכטע שאטענס פון ווילד צעוואקסענע בוימער — דיין אויג זעהט א שטיק וועלט אזוי ווי עס האט אויסגעזעהן אין דער צייט פון מעשה־בראשית, ווען עס איז אקארשט ארויס פון דעם כביכול'ס נארעל. די איינציגע סתירה צו דעם וואס דאס אויג זעהט, זיינען: אט די משונה'דיגע חיה וואס לויפט אטעמלאז און לאזט פון צייט צו צייט ארויס מיאוס'דיגע דרייגארענדיגע קוויטשען, און טאקע דו אליין.

דער צוג לויפט און די זון, ארונטערריקענדיג זיך מעהר צו מערב, א גאלדענע, א בלישטשענדע, הענגט אן שטראהלען־קרוינען אויף יעדען שפיץ בוים און ווארפט ליכט קראנצען אויף דער שעהנער פאנאראמא וואס נעהמט מיט שמחה אויף דער זון'ס פריינדשאפט.

דער צוג לויפט, דאס אויג זעהט, און צום טאקט פון צוג'ס איינטאניגען קלאפען, שפינט זיך דער מח זיין מחשבה. גרויס און רייך איז אמעריקא, ניט א לאנד — א וועלט איז עס. אויף דעם שוים פון דער רייכער און ליעבער נאטור וואקסט א פאלק מיט נייע כוחות, מיט אונבעגרענצטע מעגליכקייטען. און אין אט דעם לאנד, נאך א גרויסען גלגול־מחילות, האבען דריי מיליאן אידען, א פערטעל פון דעם אידישען פאלק, געמאכט זייער היים. איז דאס די לעצטע גלות סטאנציע? וועט מען אויך מיין פאלק לאזען דא אנקלייבען נייע כחות כדי ער זאל זיך קענען דערשלאגען צו זיין אין א צוויי־טויזענד־יעהריגען־חלום־בעוועבטען לאנד? וועט דא דער פערשאלטענער פרינץ מיט זיין הינטישער פעל ביסלאכוויז קענען אבשינדען די פעל, ארויסקריכען פון דער הינטישער הויט, דערפיהלען דאס מיוחס'דיגע בלוט זיינס, פרינץ וועט ווערען פרינץ, און מיט אן אויסגעגלייכטען רוקען, מיט אן אויפגעהויבענעם קאפ, מיט ריינע ווייטבליקענדע אויגען, מיט זיכערע און אויסגעשטרעקטע הענד וועט ער געהן זוכען די פער'כשופ'טע בת־מלכה — דאס אידישע לאנד וואס, ווי יענע פערכשופ'טע בת מלכה אין דער לעגענדע, ווארט אויף מיט א וואכענדיג הארץ, כאטש די אויגען־ברעמען זיינען מיט שלאף פערזיגעלט, אויף איהר פרינץ־ערלעזער?

וועט ער?...

שעהן איז דאס לאנד... א גרויס וואונדער איז דא געשעהן... דער לויפענדיגער צוג און מיין זיין אין איהם און דער ציעל פון מיין רייזע — אלץ, אלץ, איז א טהייל פון דעם וואונדער.

(פארטזעצונג פאלגט.)

לע תירוץ עי מאר, וויוו לע תירוץ

(פעליטאן.)

פון י. ראזען.

געשטארבען דער תירוץ, עס לעבע דער תירוץ.

איך וועל דאס אייך ערקלעהרען מיט א משל.

א ישוב'ניק האט אמאל געוואלט א שנאפס. נאר ניט געכאפט. צוערשט לאמיר קלאהר ווערען וואס הייסט א ישוב־ניק:

אין די דרום מערב'דיגע רוסישע גובערניעס, ווי פאדאליען, קיעוו, וואלין, א. א. וו. רופט מען א אידען וואס נעהמט פון פריץ ערד און די קרעטשמע אויף א צייט פאר וועלכען ער צאהלט דעם פריץ רענט, ארענדאר.

אין דער ליטא, וויעדער, רופט מען דעם זעלבען אידען ישוב'ניק.

אויף די הימאלאאישע בערג פעהלען ביידע ווערטער, ווייל עס איז דארט קיין ערד ניטא און, אפנים, קיין קרעטשמע אויך ניט. און אז די זאך פעהלט, איז דער נאמען אויך ניטא.

אין פראנקרייך זיינען ווארשיינליך, ווי אין רוסלאנד, פאראן חזירים, איז דארט אויך דא א ווארט „קאשאן'', וועלכעס מיינט א חזיר, דאס הייסט א גרויסער, א דערוואקסענער, א גאנץ נישקשה'דיגער און גוטער חזיר. קיין קליינע חזירים'לאך זיינען אבער דארטן ווי עס זעהט אויס, ניטא, און עס פעהלט זיי, די פראנצויזען, דער אקוויוואלענט פון דעם רוסישען מחיה נפשות'דיגען ווארט פאראסיאנאק (א ווארט מיט פיער קמצ'ן), וועלכעס מיינט א קליינטשיק חזיר'ל.

אין עגיפטען בין איך, צופעליגער ווייזע ניט געווען, ווייס איך ניט ווי דאס הייסט דארט, צי ארענדאר, צי ישוב'ניק.

ביידע, אי דער ארענדאר, אי דער ישוב'ניק, האבען ליעב אביסעל שנאפס.

פאר וואס ניט?

דערצעהלט, אלזא, די וועלט, אז א ישוב'ניק האט אמאל אין א פריהמארגען, צופעליגערווייזע, געוואלט א שנאפס.

„וואס קאכסטו היינט מיטאג?'' האט ער געפרעגט די ישוב'ניצע.

„א בארשט'', איז געקומען דער ענטפער.

„פאר בארשט — ווי פאר די פיש — קומט א שנאפס'', האט דער ישוב'ניק, צו זיך רעדענדיג, גע'פסק'ענט און האט — אריין געגאסען.

אבעסענדיג דעם בארשט, האט ער וויעדער אריין געגאסען, ווייל הי' לבא מן הדין, ווייל בארשט הייסט עס איז ניט ערגער פון פיש, נאך וועלכע עס קומט לכל הדעות א שנאפס.

נאכ'ן בענשען האט דערזעלבער ישוב'ניק וויעדער אריין געגאסען, ווייל, ווייל — כוס של ברכה.

קומט דאך, הייסט עס א שנאפס.

נאך דעם שנאפס האט ער וויעדער גענומען א שנאפס כדי, אום בכדי, ער זאל קענען געשמאק כאפען א דרעמעל נאכ'ן עסען, כנהוג.

ליגענדיג אויפ'ן בעט, פאר'ן בייטאג'ידיגען שלאף, האט זיך דערמזעלבען, צופעליגער ווייזע, וויעדער פערגלוסט א שנאפס. און אן אויפגעכאפטער איז ער אויפגעשפרונגען פון בעט און געמאכט קולות גלייך ווי ער וואלט געקעמפפט געגען זיין ערגסטען שונא שרייענדיג:

„וואס הייסט עס עפעס? איך מוז עפעס האבען תירוצים? און אז איך וויל גלאט אזוי א שנאפס?!...''

א איד וואלט אייגענטליך צופריעדען געווען צו עסען בלינצעס אין א פראסטען מיטוואך.

פאסט אבער ניט. וואס איז [illegible] מיט דיר די שמחה?

קומט אבער דער תירוץ [illegible] „שבועות'' הייסט ער, און אידען, מיט אדער אהן תורה עסען בלינצעס.

מיט קניידלאך איז דיזעלבע געשיכטע. איז נאר פאראן דער תירוץ פסח און אפילו די יעניגע וואס עסען קיין מרור ניט, עסען קניידלאך.

א שנעפסעל אום פורים נעהמען אלע אפילו די וואס שטעלען קלאץ קשיות צו דער גאנצער מעשה מיט המן הרשע. א תירוץ אבער איז פורים א גוטער.

גרויסע מענשען ווילען זיך, ווי קליינע קינדער, נאריש מאכען.

שעהמט מען זיך אבער. און די ציוויליזאציע האט ערפונדען א תירוץ: א מאסקען באלל.

איינגלאך מיט מיידלעך, זאגט מען, ווילען זיך קושען.

פאסט אבער ניט.

איז פאראן א תירוץ:

מען שפיעלט אין פפאנדען, אין משכנות.

מען גיט ניט צוריק דעם משכון ביז מען קושט ניט.

מוז מען, קושט מען נעבעך: דער תירוץ, ליעבע לעזער מיינע, שפיעלט א קאלאסאלע ראלע אין לעבען.

איך וויל מיך ניט אריין לאזען אין זקירות און אייך בעווייזען אז דער ערגסטער פערברעכער בעגעהט ניט קיין פערברעכען ביז ער קריעגט ניט זיין תירוץ וועלכער גערעכטפערטיגט איהם ניט ביי זיך אין די אויגען.

דאס איז אבער ניט אין מיין אליין.

וואס איך האב אייך געוואלט מיט מיין תירוצלאגיע זאגען איז א קלייניגקייט:

אין טאראנטא האבען זיך געפונען א פאר אידען — אבער טאקע נאר א פאר — וואס האבען ניט געוואלט געבען קיין 10 סענט א וואך פאר די אנגליקליכע מלחמה ליידענדע.

ניט געוואלט!

אויפ'ן שמוציגסטען אופן ניט געוואלט.

פאסט אבער ניט.

און עס איז געווען א תירוץ: די וואלונטירען פלאגען זיך נעבעך, נאלדסטיק, דער טשערמאן פון קאנפערענץ, ווערט א מיליאנער, ה. וויינבערג, דער טרעזשורער האט פרנסה פון פראצענט פון די געקליבענע געלדער, קורץ, עס רייסט זיי דאס הארץ און דארום ווילען זיי ניט געבען זייערע 10 סענטיגע.

איז אבער געשעהען אן אונגליק:

אלעס איז אונטערזוכט געווארען פון די פערטרעטער פון אלע שוהלען און אלעס איז געפונען געווארען ריכטיג, ערליך און פינקטליך און:

אויס תירוץ!

געשטארבען דער תירוץ.

און, עס רייסט דאס הארץ, זיי וועלען מוזען געבען 10 סענט א וואך.

זיי וועלען געווים זוכען א נייעם תירוץ, ביז זיי וועלען אבער געפינען, איז צו האפען, אז די מלחמה וועט זיך ענדיגען און די ליידענדע וועלען זייערע 10 סענטיגע ניט דארפען...


אין הארץ פון
רעזידענשאל דיסטריקט

די דיירי וועלכע
האט געמאכט
ריינע מילך זיכער

ווייס ענעמעלד קאנקריט ווענד—גלאנצענדעס גלאז
מאדערנסטער איינריכטונג דאס זיינען זאכען וואס
מאכען מילך, פון דער פארמער'ס דיירי דער בעסטער.
ארדערט א פלעשעל נאך היינט.

די פלעקענלאזע דיירי
געבאדען אין זונענשיין

THE FARMERS' DAIRY

טעלעפאן
הילקרעסט
4400

וואלמער ראוד און ברידזשמען סטריט



אײדער איהר געהט געבען אײער ארדער פיר סוטס אדער אווערקאוטס

יעהט זיך מיט די טאראנטא לידינג סטיילארס

א. סאמועל און קאמפּאני

מיר גאראנטירען יעדען גארמענט פיר
קוואליטי
סטייל און
ארבייט.

ביי אונז קריגט איהר וואהרע און טרי־
מינגס פאר
סוטס און אווערקאוטס
— צו האלסייל פרייזען —

A. SAMUEL & CO., 335 Queen Street West

פריהערדיגער נומער 321 - TELEPHONE ADELAIDE 1342

פעדלערס און סטאָר קיפּערס

די בעסטע סגולה אנצוהאלטען קאסטימערס און צו מאכען געלד איז צו פיהרען דריי־גודס, דיינקאוטס, פענסי גודס, דזשועלרי און נאוועלטיס ביי קאפלאן און קא.

האלסיילער און דזשאבער 229 קווין סטריט וועסט טאראנטא, דער באר וואוסטער האלסייל פלאץ וואו פיעל פעדלער זענען באריכט געווארען. יושב לאָס זענען שטענדיג דא. ארדערס פינקטליך אטענדעט.

קאפלאן און קא. דזשאבער 229 קווין סט. וו. טאראנטא אנט.
טעלעפאן עדלייד 3772.

נעהט וואו אלע נעהן.

אלע שניידער און פעדלער קויפען זייערע וואולענס און טרימינגס פאר סוטס און אווערקאוטס ביי

ליובינסקין די ספעציעלע אגענטען פון גרעסטע און בעסטע ענגלישע און סקאטלענדער וואולען מיללס.

פאר וואס ניט איהר? אונזער נאהמען איז א גאראנטי פאר קוואליטעט און ראיעלע בעהאנדלונג.

J. LUBINSKY, 248 Simcoe Street, Toronto.
TELEPHONE MAIN 6446

האט איהר שוין בעזוכט דעם נייעם

דיינינג רום אונד רעסטאוראנט

אין 192 ספּעדיינא עווענו, (ניער קווין)

עס איז פיר אייער אייגענעם בענעפיט

דאס שיינסטע פלייז אין אמעריקאַן פיר לײדיס און דזשענטלמען.
גוטע געשמאקעלע כשר'ע שפייזען און גוטע בעהאנדלונג גאראנטירט.

גרינבלאט, 192 ספּעדיינא עווענו, (נעבען זייבער פהיבי סטריט)

די בעסטע סחורה האט בלויז איין פלאץ

די אמת'ע גוטע כשר'ע ווורשט, קארנד ביף, וויענערס, סאלאמע, סמאוקד פלייש, דיקע באלאנע, און צונגען, ווערען פאבריצירט אין איין פלאץ בלויז, אין אונזער פעקטארי

226 פארליאמענט סטריט, טאראנטא.

גיט אונז א טרייעל און איהר וועט וויסען וואס סחורה הייסט. גלויבט ניט אויף'ן ווארט, פערזוכט! אכטונגספאלל

פרענק טערדיטאן.

חזן קאפלאנ'ס שיפס קאנטאר

איז דער פלאץ וואו איהר קענט שיקען געלד נאך אלע טהיילען פון דער וועלט, שנעל און זיכער צום לעצטען טאגעס קורס

אלע סארטען אינשורענס, פייער, לייף, עקסידענט, בארגלערי, פלייט גלאז און סיק בענעפיט קענט איהר אינשורען אין מיין אפיס. איך רעפרעזענטיר די שטארקסטע און ראיעלסטע קאמפאניעס אין יונייטעד סטייטס און קענעדע. מיין נאמען און רעפוטיישאן פאר די לעצטע צעהן יאהר פארזיכערט אייך, אז איהר וועט אין מיין אפיס ראיעל און אנשטענדיג בעהאנדעלט ווערען.

רעוו. מ. קאפלאן

297 קווין סט. וועסט, קארנער דזשאהן סטריט. טעל. אדעלייד 239.
הויז טעל. אדעלייד 1545

אויפרוף

צו אלע לאנדסלייט פון אסטראוועצ

עס איז שוין לאנג צייט געוועזען איהר זאלט בעטראכטען די ביטערע לאגע אין וועלכער עס געפינען זיך אונזערע ברידער און שוועסטער, וועלכע מיר האבען איבערגעלאזען אין יענעם פינסטערען לאנד אין וועלכע שטעהען אויס אלע מלחמה שרעקען וואלגערענדיג זיך אויף די פעלדער און וועלדער, הונגעריגע נאקעטע און דערצו נאך געטריבען און געיאגט פון א מחנה שדים אין מענשען געשטאלט.

איהר ווייסט גאנץ גוט אז מיר האבען נאך פאר זיי גאר נישט געטהאן. אום מיר זאלען זיך קענען צוזאמען ריידען ווי צו העלפען זיי

קומט צום מיטינג זונטיג דעם 17 אקטאבער 1 א זייגער ביי טאג אין

סענטער פאלאס האל וואו מיר וועלען זיך בעראטהען וואס צו טהאן.

קומט אלע, דאס בלוט פון אייערע ברידער, און שוועסטער רופט אייך!

מיט גרוס די קאמיטע

דער פאטאגראפציק מורדין פון 16 קעמעראן סטריט האט ניט געטופט

גענעראל פאן אייכענהארן ארונטערגעזעצט

לאנדאן אקטאבער 14.

דער העלד פון ווילנא, גענעראל פאן אייכענהארן, וועלכער האט זיך גערעכענט פאר איינעם פון די בעסטע גענעראלען אויף דעם מזרח שלאכטפעלד, און וועלכער האט צונעמען די שטאדט ווילנא ביי די רוסען, איז ארונטערגעזעצט געווארען פון זיין אמט.

זיין פערברעכען איז בעשטאנען אין דעם וואס איהם האט זיך נים איינגעגעבען צו פערכאפען די רוסישע ארמיי וועלע איז געווען ארומגערינגעלט פון דריי זייטען ארום ווילנא.

דער גורל איז דאן אויסגעפאלען אויף גענעראל אייכענהארן אז ער דארף דאס פערכאפען די רוסישע ארמיי. איהם האט זיך דאס אבער דאן ניט איינגעגעבען, און דערפאר איז ער דאס פון דעם קייזער בעשטראפט געווארען.

ה. יאנאווער — פאן מיין 6886
א. ראזענפעלד — פאן קאלערדזש 5089

זיינען די

טאראנטא קאהל קאמפּאני

91 ענגעס סטריט — פאן אפיס עדלייד 2029

פערקויפען. נור

Elias Rogers Co's Anthracite

יעדער לאס, קוילען אדער האלץ, ווערט דעליווערט מיט ראדזשעס טיקעטס. פיר קוואליטי און וואג גאראנטירט.

(פארטזעצונג פון פייזש 5)

איז ניט לאנג אבגעהאלטען געווארען דער זעקסטער יעהרליכער קאנפערענץ פון אלע ארבייטער פארשטעהער, וואס זיינען ערוועהלט געווארען צו פערשיעדענע רעגיערונגס עמטער אויף'ן טיקעט פון דער דארטיגער ארבייטער פארטיי. אויף דיזען קאנפערענץ זיינען פערהאנדעלט געווארען וויכטיגע נאציאנאלע פראגען, וואס אן זיי זיינען אבהענגיג דעם פאלקס עקאנאמישע און פאליטישע אינטערעסען.

אויף דיזען קאנפערענץ זיינען ארויסגעבראכט געווארען עטליכע זעהר אינטערעסאנטע ציפערען, וועגען דעם וואס די ארבייטער פערטרעטער האבען אויפגעטהון פאר'ן וואהלזיין פון די דארטיגע ארבייטער.

ווי בעוואוסט ווערען עטליכע שטאאטען אין אויסטראליען פאלשטענדיג קאנטראלירט פון דער ארבייטער פארטיי און דאס פאלק געניסט טאקע פיעל פון דעם.

וועהרענד די פרייזען אויף לעבענס מיטעל זיינען א דאנק דער מלחמה געשטיגען אויף 6 ביז 8 פראצענט, אין ניו סויט ווייל און אויף 3 ביז 10 פראצענט, אין וועסט אויסטראליען, די שטאאטען אין וועלכע די לייבאר פארטיי האט די אויבערהאנד אין די רעגירונג, זיינען די פרייזען אויף לעבענס מיטעל אין די שטאאטען, אין וועלכע די קאפיטאליסטען רעגירען געשטיגען אויף 3 ביז 16 פראצענט אין וויקטאריא און אויף 3 ביז 21 פראצענט אין קווינסלאנד.

א חוץ דעם האט נאך די ארבייטער רעגירונג פון סויטה ווייל'ס געשטיצט די דארטיגע פארמערס מיט 40.000 בושעלס ווייץ, זוימען, מיט 262. טאן שפייז פאר זייער קעטעל און מיט $275.000 אין קעש.

אין וועסט אויסטראליען האט די ארבייטער רעגירונג איינגעפיהרט שטאאטליכע ציגעלנים און זעג מיהלען, וועלכע קאנקורירען מיט די טראסט מיהלען און ברענגען א יעהרליכען פראפיט פון א פערטעל מיליאן דאלאר.

ביים נאציאנאלען ארבייטער פערבאנד.

דיעזען שבת איז פארגעקומען אין ניו יארק א זעהר אינטערעסאנטע אינסטאליישאן פון דעם ערשטען גאליציאנער ברענטש פון אידישען נאציאנאלען ארבייטער פערבאנד. דער ברענטש וועט יעצט הייסען ,,פראגרעסיוו מיליצער, בר. 69 א. נ. א. דעם אבענד איז דורכגעפיהרט געווארען א שעהנער קאנצערט און ליטעראַרישער אווענד.

שבת דעם 9־טען אקטאבער וועט אינסטאלירט ווערען א ברענטש אין בעיאן נ. דז. אין דיעזער שטעדטעל איז עס די חברים אנגעקומען א ביסעל שווערליך צו ארגאניזירען א ברענטש פון פערבאנד, ווייל דארט איז אנגעפיהרט געווארען א סיסטעמאטישע געגנערשאפט נעגען גרינדען א נאציאנאליסטישע ארגאניזאציאן. די חברים דארטען האבען שווערע ארבייט, היינטיגען שבת וועלען זיי ענדליך ביי א זעהר גרויסער מאסענפערזאמלונג אפיציעל אינסטאלירט ווערען.

דעם 16 טען אקטאבער ווערט אינסטאלירט דער קיעווער ברענטש אין דיא בראנקס נ. י. חברים פון דיעזען ברענטש פערשפרעכען א איבעראשענדע אינטערעסאנטע פראגראם.

די רוסיש פוילישע יוגענד נ. י. ון וועלכען איז שוין געמעלדען געווארען אז זיי טרעטען אריין אין פערבאנד מיט מעהר ווי הונדערט חברים, וועלען פייערען זייער אינסטאליישאן מיט א גראנדיעזען אופן זונטאג דעם 24־טען אקטאבער, די איינצעלהייטען וועלען נאך מיטגעטהיילט ווערען.

די גענעראל עקזעקוטיווע האט זיך יעצט גענומען צו דער דורכפיהרונג פון דער אגיטאציאנס וואך, וועלכע וועט פארקומען פון 5־טען ביז דעם 15־טען נאוו. עס וועלען ארראנזשירט ווערען קלענערע און גרעסערע מאסענפערזאמלונגען אין די פערשיעדענע טהיילען פון ניו־יארק און איבער'ן גאנצען לאנד. עס ווערט אויך געפלאנט א גרויסע דעמאנסטראציאנס־פערזאמלונג וועלכע עס וועלען זיך בעטהייליגען אלע חברים און חברות פון אלע ניו־יארקער ברענטשעס. די חברים וועלען נאטירליך קענען קומען צוזאמען מיט זייערע פריינד און בעקאנטע.

די זאמלונג פאר'ן הילפס פאנד פאר די מלחמה ליידענדע ווערט ווידערהאלט ווערען זונטאג דעם 24־טען אקטאבער, אין וועלכען עס וועלען זיך בעטהייליגען הונדערטער ניו־יארקער חברים אלס וואָלונטירען. די זעלבע ארבייט ווערט געטהאן ווערען פון אלע ברענטשעס פון פערבאנד איבער'ן גאנצען לאנד.

אויך בעטהייליגען זיך די ברענטשעס פון פערבאנד זעהר לעבעדיג און טהעטיג אין דער ארבייט פאר'ן אידישען קאנגרעס.

דער ארדען האט אויך געפונען פאר נויטיג ארויס צו געבען א צווייטע אויפלאגע פון דר. סירקינ'ס בראשורע ,,דער אידישער קאנגרעס''.

די בילדונגס קאמיטע וועט דיעזען ווינטער ארויסגעבען א 5—6 ביכלאך איבער פערשיעדענע פראגען. א זעהר נוצליכע זאך איבער הויפט פאר די קאנטרי ברענטשעס האט אויפגעטהאן דער בילדונגס קאמיטעט מיט דעם וואס ער האט אויסגעארבייט פראגראמען פאר ליטעראַרישע אבענדען. אין דיעזע פראגראמען זענען דא די פאסענדסטע דעקלאמאציאנען און פארלעזונגען פון דער אידישער ליטעראטור. עס ווערט אויך אנגעגעבען די פלעצער וואו די ליעד אדער ערצעהלונג געפינט זיך.

אויך ווערט אויסגעארבייט א סעריע לעקציעס איבער פערשיעדענע אידישע און ארבייטער פראגען.

פאר די ברענטשעס וועט עס זיין פון גרוים וויכטיגקייט.

ר. מערלים סעק. אף פרעס.

מעטש ספעציאליטעטע

שוין 64 יאהר אז מיר פאבריצירען מעטשעס, שטובינע און אנדערע, מאנכע פון אונזערע ספעציאליטעטען זיינען ''דער גוליייטער'' מיט מיט א 4¼ אינטשיג שטעקעלע. ''דער עדדיסטאו טארטש'' פאר'ן געברויך אין דרויסען, וואס ווערסטאט פאר דעם רויכער און אנדערע וואריאטעטען.

פאר'ן שטובינען געברויך איז דער פאפולערסטער מעטש די

''סיילענט ס''

נאר פאר יעדען געברויך

קויפט

עדדי'ס

THE E. B. EDDY CO., LIMITED
HULL, - CANADA

בולגארישער גענעראל רעזיגנירט

לאנדאן אקטאבער 13

די עליים קוקען זיך יעצט גוט צו, צו אלעס וואס עס קומט פאר אין בולגאריען, וואו פיעלע בולגארען זיינען גאנץ אפען פאר די עליים און ווילען זיך ניט שלאגען נעגען רוסלאנד.

פון פאריז ווערט בעריכטעט אז גענעראל סאוואף געוועזענער בולגארישער קריעגס מיניסטער און געוועזענער הויפט קאמאנדיר פון דער בולגארישער ארמיי, האט רעזיגנירט פון זיין אמט.

די אורזאכע פון זיין רעזיגנאציאן ווערט אנגעגעבען דאס וואס ער וויל זיך ניט געהן שלאגען נעגען רוסלאנד. ער האט אגנץ דייטליך ערקלעהרט, איידער איך זאל פיהרען די בולגארישע ארמיי געגען רוסלאנד וועל איך בעסער רעזיגנירען. דאס איז פאר בולגאריען געווען ווי א רונער פון א ריינעם הימעל. עס ווערט אויך ערקלעהרט דאס אויב רוסלאנד זאל זיך איינגעבען לאנדען אביסעל סאלדאטען אין בולגאריען וועט זיך נאך די גאנצע סיטואציע ענדערען און בולגאריען וועט זיך שטעלען אויף דער זייט פון די עליים.

דאַרפט איהר פייער לייף־עקסידענט און פלייט גלאס אינשורענס?

דאן קומט צו אייער אלט בעקאנטען דער איינציגער אידישער אינשורענס אגענט וואס שרייבט פייער פאליסעס וועלכע זיינען פון גוטע קאמפאניעס וואס קאנסלען ניט קיין אידישע ביזנעס, מערידזש לייסענס, סיטיזען פייפערס און אנדערע אזעלכע דאקומענטען ווערען געמאכט ביליג און פינקטליך.

קומט צו מיר אין אפיס.
24 טאראנטא סטריט. טעל. מיין 4711

וואס דזשאנקשאן טהוט פאר די מלחמה קרבנות.

אין דער הינזיכט פון שאפען הילף פאר די מלחמה קרבנות האבען זיך די טאראנטאער אידען געמעגט ארונטערנעהמען א מוסר השכל פון אונזערע דזשאנקשאנער אידען.

אין גאנצען בעשטעהט דארטען די אידישע קהלה פון ארום 150 פאמיליען, וועלכע געפינען זיך יעצט אין א גאנץ געדריקטען צושטאנד. פאר דער מלחמה זענען זיי אלע בעשעפטיגט געוועזען ביי דער בילדינג טרייד, און פערשטעהט זיך, אז די מלחמה האט זיי שטארק געטראפען.

דאך האבען זיי געפיהלט, אז זיי מוזען עטוואס טהון פאר די מלחמה קרבנות. זיי האבען צוטהיילט דזשאנקשאן אין דריי דיסטריקטען, און יעדען זונטאג געהן ארוים פארלאך קאלעקטען. אלס רעזולטאט פון דיזע קאלעקשאנס, האבען זיי שוין איינמאהל איבערגעגעבען צום הילפס־קאנפערענץ $171,63, און די וואך האבען זיי ויעדער אריינגעשיקט א טשעק אויף $150.40.

בכלל איז די דזשאנקשאנער קהלה, א גאנץ אינטערעסאנטע, און דאס ווערען קאנצענטרירט זיך דארטען איבער'ר הויפט ארום דער קאנגרעגיישאן כנסת ישראל, און ארום דער פרץ של.

פינף און צוואנציג דאלאר

גיט אייך דעם בעזיץ פון אן אקער פארם בלויז אייניגע מינוטען גאנג פון יאנג סטריט קאר ליין, אביסעל אין צפון פון סיטי לימיטס, וואו איהר קענט לאזען וואקסען גרינווארג און פרוכט ווערטה מעהר ווי טויזענד דאלאר. דיעזע ציפערס זיינען באזירט אויף דער רעגירונגס בולעטין אקט. 13. 1915.

די אקער פארמס וועלען אין דער נאהענטער צוקונפט צושניטען ווערען אין 14 סיטי לאטס, וועלכע וועלען פערקויפט ווערען פאר פיעל טייערער ווי איהר צאהלט היינט.

אונזערע אויטאמאבילס פערלאזען דעם אפיס יעדען טאג. ספעציעלע טריפס שבת. אונטערשרייבט און שיקט דעם קופאן פאר ענצעלהייטען.

The Dovercourt Land, Building & Savings Company, Limited
Largest Owners and Developers of Real Estate in Canada
82-88 King St. East Toronto
Phone Main 7281

הערדען:
שיקט מיר פריינדליכסט מעהר איינצעלהייטען וועגען אייערע אקער פארמס אויף ווילאו דייל אקערס.
נאמען — — — —
אדרעס — — — —

טאראנטא אינסטיטוציאן וועלכע האט קיין גלייכען צו זיך אין גוטסקייט.

(1טע פארטזעצונג)

דאס הויז.

ווען דער צופאל האט מיך, מיט א פאאר יאהר צוריק, געבראכט נים ווייט פון הויז פון דער סיטי דיירי, האב איך געפיהלט אז דא איז עפעס ניט גלאטיג. איך האב געפיהלט אז דער קרבן פאסט ניט צו דעם מזבח. אזא הויז, האב איך געטראכט פאסט פאר א מוזעאום, פאר א לייברערי, פאר אן אלט מאדישען היימישען גראף, אבער ניט פאר א דיירי.

דאס בין איך זיכער געווען.

ווייל וואס א דיירי איז, האב איך געטראכט, ווייס איך דאך; איך האב דאך אליין געזעהען פערשיעדענע דיירים אין לאנדאן און — מיט יאהרען און יאהרען צוריק — אין רוסלאנד אין א דארף, בין איך דארום זיכער געווען אז דאס זעהער שעהן הויז, די פארמע דערפון, דאס אויסזעהען, פאסטען נים פאר קיין מילך געשעפט.

אזוי האב איך געפיהלט ווען איך האב דאס זעהר אנגענעהמע הויז דאס ערשטע מאל געזעהען.

איך האב זיך דאמאלס ניט פארגעשטעלט אז די דאזיגע דיירי אין אזא אז דאס הויז פאסט גראדע צו איהר.

איך האב דאס מיר ניט געקאנט פארשטעלען, ווייל איך האב קיין מאהל קיין עהנליכעס ניט געזעהען.

אפילו ניט אין חלום, גלויבט מיר.

ווען איך האב אבער געלעזען דעם בעריכט פון דעם ענגלענדער מיט וואס פאר א טאן ער רעדט פון דער טאראנטאר סיטי דיירי, ווי ער בעוואונדערט זי און ווי ער שעהמט זיך וואס אין גאנץ ענגלאנד האט מען אזעלכעס ניט געזעהען, האב איך זיך באלד דערמאהנט אין דעם מארנעם גראפסקען פאלאסט און איך האב אנגעהויבען זיך פארשטעלען א בעסערע דיירי ווייל איך בין שוין זיכער געווען אז די דיירי איז אויסערגעוועהנליך און פאלגליך שטימט שוין יא דאס הויז מיט'ן מילך געשעפט.

איך האב אנגעהויבען צו בעגרייפען אז עטוואס מוז דא זיין. אז די דיירי איז ניט קיין געוועהנליכע דיירי און, ווי עס האט זיך נאכהער ארויסגעוויזען, האב איך קיין טעות געהאט אויף א האאר אפילו.

און דעם טאג, אויף וועלכען איך האב בעשטימט צו נעהן שטודירען די דאזיגע ''געהיימע'' דיירי, ווען איך האב צוערשט א קוק געטהאן אויף דעם הויז איידער איך בין אריין נעגאנגען, און האב בעטראכט דאס זעלבע הויז וועלכעס איך האב שוין געהאט אזוי פיעל מאל געזעהן, האב איך עס מיט גאנץ אנדערע אויגען בעטראכט ווי ביז דעם טאג. עס האט מיך שוין ניט געוואונדערט. איך האב געפיהלט אז אזא דיירי טאר ניט האבען קיין פראסטע הויז.

דער פונקט, וועניגסטענס איז מיר קלאהר געווארען נאך איידער, איך בין אריין נעגאנגען.

ווען איך בין אריין נעגאנגען, דאס הייסט ווען איך האב נאר אריבער געטראטען די שוועל, און איך האב זיך געפונען אין א רייכען, מיט געשמאק געבויטען, און שעהן דעקארירטען אייז קרים פארלאר א אייז קריעם פארלאר, מיט וועלכען דער רייכסטער פאריזער האטעל וואלט זיך ניט נעדארפט שעהמען, בין איך שוין ניט געווען איבערראשט, ווייל איך האב שוין פערשטאנען אז דא פערקויפט מען ניט קיין מילך אין די לאנדאנער קענס מיט ראסט און מיקראבען. איך האב שוין פערשטאנען אז דאס איז א טעמפעל וואו מען פערקויפט געזונדהייט צום פאלק, מיט בלומען בעפוצט און מיט ריח פון גן עדן.

איך האב שוין געפיהלט אז איך געה ניט זעהען קיין מילך געשעפט אין געוועהנליכען זינן. איך האב פערשטאנען אז איך וועל זעהען דאס וואס איך האב ביז דאמאלס זיך ניט פארגעשטעלט. ווען איך פלעג לעזען די צוויי איינפאכע ווערטער: ''סיטי דיירי''!

און אזוי איז טאקי געווען.

(פארטזעצונג פאלגט)

היינט

דער ערשטער ליטעראַרישער אבענד

אין אידישען פאלקס פעראיין

א זעהר שעהנער פראגראם איז פארבערייטעט פון פארלעזונגען, דעקלאמאציאנען, פאלקס ליעדער. מיט דער מיטווירקונג פון אונזער פריינד

י. ראזען

וועלכער וועט ריידען איבער ליטעראטור

קומט אין צייט פונקט 8.

איינטריט פריי.

ב. שטריקמאן, סעק.

MEET ME AT THE FIRESIDE **Strand** YONGE NEAR KING
CONTINUOUS 10 AM TO 11 PM
MATS 5¢-10¢ EVES 5¢ 10¢ 15¢

דאנערשטאג, פרייטאג שבת
די פרוי פון נעקסט דאור
מיט איירין פענוויק
ווי אויך
פאטהי וויעקלי אין א לאכעדיגע קאמעדיע

לעזט נעקסטע וואך די נייעס פון אונזער פאלל ערעפענונג.

די גרעסטע סטארס פון דער מאוויס ביזנעס וועלען ערשיינען אין אונזער טהעאטער.

מעזאניני סיטס רעזערווירט ביי טעלעפאן מיין 3345

דייאמאנדס

$1 $2 $3 וועכענטליך

איהר האט יעצט די געלעגענהייט צו האָבען דעם פיינסטען דייאמאנד אדער אנדערע דזשועלרי דורך דאס קרעדיט סיסטעם פון דזשייקאב בראדער. דייאמאנדס ווי עס איז בעוואוסט ווערדט אלע מאל טייערער און איז אן אייביגקייט.

מיר געטרייען יעדען עהרליכען מענשען זא דאס איהר האט די געלעגענהייט צו קויפען ביי אונז דייאמאנדס מיט דין לייכטסטע אבצאהלונגען. ספעשעל דיסקאונט 10 פראצענט פאר קעש. דזשייקאב בראדערס 15 יאנג סטריט ארקייד.

חזן מאנאוויטץ

פון מעקאל שוהל
מוהל
ומסדר קדושין
233 Beverley Street
Phone College 2033

פערלאנגט ביי אייער גראסערי און הארדוועאר סטאר.

SHINO
No. 9
TOVE POLIS
HAWES & COMPANY
TORONTO

שיינא סטאוו פאליש

— ווי אויך —

סימפלעקס שוה פאליש

פאטראנייזט די איינציגע אידישע ווינדא קלינינג קאמפאני

WINDOW CLEANING CO

מיר אטענדען צו אלער האנד הויז, פעקטארי, אפיסעס און סטאר קלינינג. בעסטע ארבייט צו די בילינסטע פרייזען. מיר מאכען קאנטראקטען מאנאטליך און יעהרליך. טעלעפאנירט 1 אדעלייד סט. איסט, פאן מיין 7391. ביי נאכט און זונטאג טעלעפאנירט קאלעדזש 4319.

New York Window Cleaning Co
1 Adelaide E

ברויט ביליג!

5¢. א סינגעל. 8¢. א דאבעל.

פערקויפט אייער אלטער בעקאנטער בעקער גאלדשטיין פון 34 וואלטאן סט. ־עליוועט אין אלע טהיילען פון שטאדט אויך צו בעקומען אין פאלגענדע פלעצער: 59 קענזינגטאן אין מילך סטאר און אין 109 עליזאבעטה סטריט.

אויך אין 43 וואלטאן סטריט.

3936—20—10